STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04783

VIDERSHTAND UN OYFSHTAND IN VILNER GETO UN UMGEGNT (1941-1944)

N. Kantorowicz

*Permanent preservation of this book was made possible
by Seymour G. Statman
in memory of
his dear sister, Nora Statman Klein*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

נ. קאַנטאָראָוויטש

ווידערשטאַנד און אויפשטאַנד אין ווילנער געטאָ און אומגעגנט (1941—1944)

ניו־יאָרק 1975

ווילנע — דער אָנהייב־פּונקט פון ווידערשטאַנד

אין דער געשיכטע פון יידישן ווידערשטאַנד בעתן 2טן וועלט־קריג, איז באַשערט געוואָרן צו שפּילן אַ באַזונדער ראָל — ווילנע. אין ירושלים דליטא איז צוערשט אַנטשטאַנען דער געדאַנק וועגן ווידערשטאַנד קעגן די מערדערישע, דייטשע אָקופּאַנטן, דאָרטן איז אויך אַרויס דער ערשטער אויפרוף צו די יידישע מאַסן וועגן שטעלן די אָקופּאַנטן אַ באַוואָפנטן ווידערשטאַנד און דאָרטן איז אויך געשאַפן געוואָרן די ערשטע יידישע פּאַרטיזאַנער אָרגאַניזאַציע (פּ.פּ.אָ.). פון ווילנע איז דער רוף צו ווידערשטאַנד אויך אַרויס צו די יידן אין ביאַליסטאָק און אין וואַרשע.

אינם יידישן ווידערשטאַנד אויף דער טעריטאָריע פון פּוילן האָבן זיך באַטייליקט ניט בלויז פּוילישע יידן. — די נאַציישע חיילות זיינען בכלל באַפאַלן דאָס פּוילישע יידנטום צוויי מאָל: דעם 1טן סעפּטעמבער 1939, און דעם 22סטן יוני 1941, ווען זיי — נאָכן באַהערשן פראַנקרייך און קלענערע לענדער, — זיינען באַפאַלן דעם ראַטן־פאַרבאַנד און פאַרשפּרייט די וועלט־שרפה אויף גאַנץ מזרח־אייראָפּע. דאַן האָט זייער מערדערישע אַטאַקע געטראָפן צוערשט דעם פריערדיקן מזרח־טייל פון פּוילן, די אַזוי גערופענע „קרעסן" (ראַנד־געביטן פון פּוילן), וואָס זיינען, לויטן סטאַלין־היטלער אָפּמאַך פון ערב דעם קריג, אַריבערגעגאַנגען צום ראַטן־פאַרבאַנד און אינקאָרפּאָרירט געוואָרן, אַלס מערב־ווייסרוסלאַנד און מערב־אוקראַינע, אין אין די אַנטשפּרעכנדע סאָוועטישע „פאַרבאַנד־רעפּובליק". ווילנע און איר נאָענטסטע אומגעגנט זיינען דאַן, ווי באַקאַנט, אַריבער צו ליטע, און זיינען צוזאַמען מיט איר שפּעטער, אין זומער פון יאָר 1940, אינקאָרפּאָרירט געוואָרן אַלס „ליטווישע, סאָוועטישע סאָציאַליסטישע רעפּובליק" און גאַנצן ראַטן־פאַרבאַנד.

די דייטשע אָקופּאַציע פון די אַלע געביטן האָט, אַלזאָ, צוריק פאַראייניקט דאָס פּוילישע יידנטום, אונטערן מערדערישן נאַציישן רעזשים, וואָס האָט אויך בליץ־שנעל פאַרשפּרייט זיין הערשאַפט איבערן באַלטישן יידנטום און שפּעטער — בכלל איבערן גאַנצן יידנטום פון מזרח־אייראָפּע. באַלד אין אָנהייב פון דער דייטשער אָקופּאַציע זיינען פאָרגעקומען שחיטות אויף די יידן אין קאָװנע, ווילנע, לעמבערג, ראָוונע, ביאַליסטאָק, סלאָנים און פיל אַנדערע יידישע שטעט און שטעטלעך. אויך בעתן ערשטן דייטשן אָנפאַל זיינען פאָרגעקומען, כידוע, פּאָגראָמען און שחיטות פון די יידן; די נייע בלוטיקע

שחיטות זיינען אָבער דורכגעפירט געוואָרן און אויך אָפט מולטיפליצירט געוואָרן דורך די דייטשן, צוזאַמען מיט דער אָרטיקער, ליטווישער, אוקראַינער און ווייסרוסישער באַפעלקערונג, וואָס איז נאָך פריער געווען אָנגעשטעקט מיט אַנטיסעמיטיזם, האָט געהאַט אין איר מערהייט אויסגע־שפּראָכענע פּראָ־נאַציִשע סימפּאַטיעס און האָט אויפגענומען די דייטשן אַלס באַפרייער.

אויף ליטע, צוזאַמען מיטן איינגעשלאָסענעם געביט פון ווילנע, און אויף די פאַרכאַפּטע מערב־אוקראַינע און מערב־ווייסרוסלאַנד, האָט זיך דאַן אויסגעגאָסן אַן אמתע תוכחה. אַמשרעקלעכסטן זיינען געווען די שחיטות אין קאָוונע (9טער פאָרט) און אין ווילנע (פּאָנאַר).

די דייטשע חילות זיינען געווען אַריין קיין ווילנע דעם 24סטן יוני 1941, און דעם 27סטן יוני האָבן זיך דאָרטן אָנגעהויבן די „כאַפּעניש" אויף די גאַסן (אַ זאַך, וואָס איז שוין, איבעריקנס געווען באַקאַנט אין גאַנץ פּוילן, זייט היטלערס ערשטן אָנפאַל פון 1טן סעפּטעמבער 1939); יידישע מענער זיינען געשלעפּט געוואָרן „אויף אַרבעט", — אַ טייל פון זיי איז שוין ניט צוריק־געקומען. די ניט־צוריקגעקומענע האָט מען פריער געזען אין אויטאָבוסן, וואָס זיינען געגאַנגען אין דער ריכטונג פון פּ אָ נ אַ ר , אַ וואַלדאָרט 7 קלמ. הינטער ווילנע.

דעם 10טן יולי זיינען גרויסע מאַסן געכאַפּטע יידן אַרויסגעפירט געוואָרן פון שטאָט אין בורבישקער וואַלד, פון וואַנען זיי זיינען שוין ניט צוריקגעקומען. דעם 11טן יולי האָט מען געכאַפּטע יידן אַרויסגעפירט קיין פּאָנאַר, דעם 14טן יולי — זיינען געכאַפּטע יידן אַרויסגעפירט געוואָרן פון זאַרעטשער קוואַרטאַל, שפּעטער — פון שניפּישאָק. קיינער איז ניט צוריקגעקומען. דער רוב „כאַפּונעס" זיינען געווען ליטווישע פאַשיסטן, וואָס האָבן געהאַט באַ־העלפערס צווישן קליינע ליטווישע און פּוילישע שקצים. זיי זיינען געווען אין דינסט פון געשטאַפּאָ־אָפיצער שווייַנענבערג.

דעם 13טן יולי איז געווען דער „טאָג פון רבנים", דעם 17טן יולי — דער פּאָגראָם אויף נ אָ וו אָ ג ר אַ ד ־ פאָרשטאָט.

דעם 31סטן אויגוסט האָבן די דייטשן אַרומגערינגלט דעם יידישן צענטער אין ווילנע, אין דער צאָל פון 13 גאַסן, און אַוועקגעפירט די יידן אין דער ריכטונג פון פּאָנאַר. מ'האָט זיך, פּונקט ווי פריער, געטרייסט, אַז דאָס איז „מסתמא אויף אַרבעט אין לאַגער". דעם 1טן סעפּטעמבער איז דערשינען אַ „באַקאַנטמאַכונג" פון „געביטס־קאָמיסאַר" הינגסט, אַז מ'האָט געשאָסן אויף דייטשע זעלנער פון באַהעלטענישן און אַז 2 געכאַפּטע יידן זיינען דערשאָסן געוואָרן. מיט דער דאָזיקער ערשטער פּראָוואָקאַציע, האָט הינגסט געוואָלט פאַרמאַסקירט דעם אַרויספיר פון 10 טויזנט יידן. דעם 2טן סעפּטעמבער האָט שווייַנענבערג אויסגעקליבן די 16 יידן פון „יידן־ראַט" און אָפּגעשיקט זיי אין לוקישקער תפיסה, פון וואַנען זיי זיינען שוין ניט געקומען צוריק.

יום־כיפור, וואָס איז אויסגעפֿאַלן דעם 1טן אָקטאָבער, האָט מען עטלעכע טויזנט ייִדן ווידער אַרויסגעפֿירט אין דער לוקישקער תּפֿיסה. נאָר אַ קלייניקער מינדערהייט איז געלונגען זיך אַרויסצוראַטעווען פֿון דאָרטן, די מערהייט איז אַוועקגעפֿירט געוואָרן צום טויט. דעם 16טן אָקטאָבער זײַנען אַרויסגעפֿירט געוואָרן פֿון געטאָ נומ׳ צוויי — 3.000 ייִדן, דעם 28סטן אָקטאָבער, ווען דאָס געטאָ איז געוואָרן ליקווידירט, זײַנען ווידער אַרויסגעפֿירט געוואָרן קרוב צו 2,500 ייִדן. דעם 24סטן אָקטאָבער און דעם 3טן און 5טן נאָוועמבער האָבן די דײַטשן אַרויסגעפֿירט צו שחיטה קרוב 8,000 ייִדן, וואָס האָבן ניט געהאַט קיין „געלע שײַנען״. סוף דעצעמבער איז פֿאָרגעקומען אַן „אַקציע״ קעגן ייִדן מיט „ראָזע שײַנען״. אַלע זײַנען אַרויסגעפֿירט געוואָרן קיין פּאָנאַר.

דער לעבן־געבליבענער ד״ר מ. דוואָרשעצקי ווײַזט אָן אין זײַן בוך „ירושלים דליטא אין קורבן און אומקום״ (ז׳ 104), אַז צום 1טן יאַנואַר 1942 זײַנען געבליבן אין ווילנע ביים לעבן בלויז 20% פֿון דער געוועזענער צאָל ייִדן. „80% דערמאָרדעט, 20% לעבט...״

ווילנע איז, ווי באַקאַנט, נאָכן ערשטן אָנפֿאַל אויף פּוילן דעם 1טן סעפּטעמבער 1939, געוואָרן אַ צוזאַמענגאַנגס־צענטער פֿאַר מאַסן פּליטים וואָס האָבן זיך געלאָזן דאַן לויפֿן אויף מזרח. היות ווילנע איז, ווי שוין דערמאָנט, אַריבער קיין ליטע, וואָס איז געווען דער איינציקער מער־וויניקער פֿרייער אינדזל צווישן די ביידע גרויסע טאָטאַליטאַרע מדינות, וואָס האָבן זיך צעטיילט מיט פּוילן, פֿון וועלכן מ׳האָט אויך געקאָנט אויסוואַנדערן ווײַטער, — האָט זיך קיין ווילנע און אומגעגנט אַ לאָז געטאָן אַ גרויסע מאַסע פּליטים, דערונטער זייער פֿיל חלוצים, וואָס האָבן געהאַט בדעה צו פֿאָרן ווײַטער, קיין ארץ־ישׂראל, אַמעריקע און אַנדערע לענדער פֿון אימיגראַציע. אין ליטע האָט מען דאַן אויך געקענט פֿירן אַלגעמיין־ייִדישע און ציוניסטישע אַקטיוויטעטן.

צו דער צײַט פֿון היטלערס אָנפֿאַל אויפֿן ראַטן־פֿאַרבאַנד דעם 22סטן יוני 1942, איז דעם גרעסטן טייל פֿון די דאָזיקע פּוילישע פּליטים געלונגען אויסוואַנדערן, דער עיקר, קיין ארץ־ישׂראל און אַמעריקע. די חלוצים, וואָס זײַנען נאָך איבערגעבליבן אין ווילנע, האָבן זיך קאָנצענטרירט אין זייערע קיבוצים און הכשרה־פּונקטן, אויף סובאָטש, וואָלאַקומפּיע א. אַנד. געווען זײַנען אויך קיבוצים פֿון השומר הצעיר, הנוער הציוני, גורדוניה און עקיבא, אין דער קאָאָרדינאַציע, וואָס זיי האָבן געשאַפֿן, באַלד נאָך דער אָקופּאַציע, זײַנען אַרײַן: החלוץ און דרור־החלוץ הצעיר, השומר הצעיר און הנוער הציוני. די נשמה־חיה פֿון דער קאָאָרדינאַציע איז געווען מרדכי טענענבוים־טאַמאַראָוו, פֿירער פֿון החלוץ און פּועלי־ציון—התאחדות.

די חלוצישע און ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס האָבן נאָך דער אָקופּאַציע ווײַטער פֿאָרגעזעצט די באַמיאונגען פֿאַר עליה קיין ארץ־ישׂראל און געזוכט וועגן פֿאַר איר, — דורך אונגאַרן און סלאָוואַקיע, פֿון וואַנען חלוצים פֿון וואַרשע,

בענדין און אייניקע אַנדערע שטעט פון „גענעראַל־גאָווערנמענט" האָבן נאָך פריער געפּרוּווט פאָרן קיין ארץ־ישראל; אָדער דורך לעטלאַנד און ליבוי. צו דעם צוועק און בכלל כדי צו באַטראַכטן די לאַגע און די דרינגענדע אויפגאַבן פון קאַמף און שוץ קעגן דעם מערדערישן דייטשן אָקופּאַנט, האָט די ציוניסטישע אַרבעטער־באַוועגונג אין ווילנע געשיקט פיל שליחים צום מרכז פון „החלוץ" אין וואַרשע. טענענבויט האָט דאַן אָנגעבונדן קאָנטאַקט מיטן דייטשן אַנטי־היטלעריסטישן שאָפער, אַנטאָן שמיד, וואָס האָט אים געהאָלפן אַרויספירן יידן פון געטאָ און אויך אַריבערפירן חלוצים פון ווילנע קיין ביאַליסטאָק.

אין געטאָ פון ווילנע זיינען, באַלד נאָך זיין אַנשטיין דעם 6טן סעפּטעמבער, בכלל געוואָרן טעטיק אַ ריי אונטערערדישע פּאַרטייען און אָרגאַניזאַציעס. דער דערמאָנטער ד"ר מ. דוואָזשעצקי האָט אויפן 3טן טאָג פון געטאָ צונויפגערופן אַ באַראַטונג פון די איבערגעבליבענע אַקטיווע חברים פון פועלי ציון־התאחדות, וואָס האָט באַשלאָסן צו שאַפן אַן אונטערערדישע אָרגאַניזאַציע. איר אַקטיוו איז באַשטאַנען פון 24 חברים, צו וועלכע עס זיינען צוגעקומען שפּעטער אַ צאָל חברים פון אָשמענע, סאָל, מיכאַלישאָק און די טאָרף־לאַגערן אין רעשע. געשען איז עס, ווען די דייטשן האָבן אָנגעהויבן ליקווידירן די געטאָס אויף דער ווילנער פּראָווינץ און האָבן אַ טייל יידן אַריבערגעבראַכט קיין ווילנע.

דער אַקטיוו איז געשטאַנען אין אַ שטענדיקן קאָנטאַקט מיט דער פּעריפעריע פון די חברים פון פועלי ציון־התאחדות, הפועל, העובד און דער ליגע פאַר אַרבעטנדיקן ארץ־ישראל. שפּעטער, ווען ס'איז אַנטשטאַנען די ווידערשטאַנד־באַוועגונג אין ווילנע, האָט פועלי ציון־התאחדות געטאָן אַלץ כדי צו ברענגען צו אַן אוניפיקאַציע פון דער באַוועגונג, און איז אויך געווען אינסטרומענטאַל אין שאַפן די אַ. ג. שיינבוימס קאַמפּס־גרופּע, וואָס האָט זיך צום סוף פאַראייניקט מיט דער פ.פּ.אָ.

אין געטאָ איז אויך געווען טעטיק אַ גרעסערע גרופּע פון דרור־החלוץ־הצעיר (יוגנט־אָרגאַניזאַציע פון פועלי ציון־התאחדות און החלוץ). ווען מרדכי טענענבוים־טאָמאַראָוו איז אָפּגעפאָרן קיין ביאַליסטאָק, האָט איר אָנפירונג איבערגענומען יחיאל שיינבוים. חברות פון אָט דער גרופּע, פּ. פלאָטניצקאַ, ל. קאַזשיבראָדזקאַ, ב. חזן, ט. שניידערמאַן א. אַנד. זיינען געפאָרן אין כסדרדיקע שליחותן פון ווילנער געטאָ צו די געטאָס אין „גענעראַל גאָווערנמענט", און כדי איבערצוגעבן וועגן די שחיטות אין ווילנע, באַזוכט וואַרשע, ביאַליסטאָק, גראָדנע א. אַנד. די דאָזיקע יוגנט־גרופּע האָט אויך געבילדעט דעם קערן פון דער דערמאָנטער, צווייטער קאַמפּס־גרופּע פון שיינבוימען.

אַ דינאַמישע גרופּע איז געווען דער השומר הצעיר, בראש מיט עדעק באָראַקס און אַנדזיע לעבעד. אַנדערע אירע אַקטיווע חברים, ווי אבא

קאָוונער, אריה ווילנער א. אַנד., זיינען לכתחילה פאַרבליבן אין אַ קאַטוילישן מאָנאַסטיר אויסערן געטאָ. אין זייער שליחות זיינען געפאָרן פון געטאָ צו געטאָ : חייקע גראָסמאַן, טאַסיע אַלטמאַן, אריה ווילנער, וואָס איז שפּעטער געווען טעטיק אין וואַרשעווער ווידערשטאַנד. השומר הצעיר איז געווען צווישן די איניציאַטאָרן פון דער פ.פ.א.

ה ב ו ע ר ה צ י ו נ י בראש מיט שלמה ענטין און ניסן רעזניק, האָט צוזאַמען מיט די צוויי אויבן־דערמאָנטע חלוצישע אָרגאַניזאַציעס, געשאַפן די דערמאָנטע חלוצישע קאָאָרדינאַציע אין געטאָ. ענטין איז געווען פון די ערשטע שליחים פון ווילנע קיין וואַרשע און נ. רעזניק האָט פאַרטראָטן די אָרגאַניזאַציע אין שטאַב פון פ.פ.א.

די בית״ר ־ יוגנט איז אָנגעפירט געוואָרן דורך יוסף גלאַזמאַן, וואָס איז לכתחילה געווען וויצע־שעף פון דער פּאָליציי, און שפּעטער איינער פון די אָרגאַניזאַטאָרן פון דער פ.פ.א. צווישן אירע אַקטיוויסטן זיינען געווען : ב. פרידמאַן, חיים לאַזאַר, מ. בראַאוזע, י. קאָוואַלסקי א. אַנד.

די אַלע ציוניסטישע גרופּן האָבן, צוזאַמען מיט די אַלגעמיינע ציוניסטן, געשאַפן דעם אַ. ג. ציוניסטישן „דאַך״, וואָס האָט קאָאָרדינירט זייער טעטיקייט אין געטאָ דורך אַ קאָמיטעט פון 7 פאָרשטייער.

ב ו נ ד , וואָס האָט פאַרלאָרן אַ ריי פון זיינע אָנפירער, וועלכע זיינען דעפּאָרטירט געוואָרן דורך דער סאָוועטישער מאַכט אין די יאָרן 1940־1, פלעגט איבערשיקן און אויך באַקומען ידיעות פון אַנדערע געטאָס דורך דער פוילישער סאָציאַליסטישער פאַרטיי (פּ.פּ.ס.), מיט וועמען ער איז געשטאַנען אין אַן ענגן קאָנטאַקט. שפּעטער זיינען פון אים אַריין אין דער פ.פ.א. : אברהם כוואָניק, אַסיע ביק, שמואל קאַפּלינסקי א. אַנד.

די קאָמוניסטישע גרופּע אין געטאָ, וואָס איז געווען זייער טעטיק, איז אָנגעפירט געוואָרן דורך יצחק וויטענבערג, כיענע באַראָווסקאַ, בערל שערשעניעווסקי, סאָניע מאַדייסקער א. אַנד. די גרופּע האָט קאָאָפּערירט מיט אַלע אַנדערע פּאָליטישע שטרעמונגען און האָט זיך אויך באַטייליקט אין פּרעזידיום פון געזעלשאַפטלעכן הילפס־קאָמיטעט, וואָס איז געשאַפן געוואָרן דורך אַלע טעטיקע גרופּן פון געטאָ. י. וויטענבערג איז, ביז זיין טראַגישן טויט, געווען בראש פון שטאַב פון פ.פ.א. די קאָמוניסטישע גרופּע אין געטאָ איז אויך געשטאַנען אין פאַרבינדונג מיט דער אונטערערדישער אָרגאַניזאַציע אין דער שטאָט און אויך מיט די ווייסרוסישע און ליטווישע פּאַרטיזאַנער אין וואַלד.

די עיקר־פראַגע וואָס איז לכתחילה געשטאַנען פאַרן געטאָ, איז געווען — אָנצובינדן אַ קאָנטאַקט מיט די געטאָס פון „גענעראַל גאָווערנמענט״, און דער עיקר, מיט דעם וואַרשעווער געטאָ, כדי צו אינפאָרמירן דאָרטן וועגן גרויזאַמען גורל פון ווילנער ייִדנטום. אַרום דעם האָט זיך אַנטוויקלט אַן ענערגישע טעטיקייט. אָבער אויך פון וואַרשע האָט מען זיך דאַן באַמיט

אָנצוקניפּן אַ פאַרבינדונג מיט די ווילנער ייִדן. אָנהייב נאָוועמבער 1941 איז קיין ווילנע אָנגעקומען דער קריסטלעכער סקאַוט הענריק, וואָס איז געווען אַ שליח פון וואַרשעווער „החלוץ״. ער האָט זיך געטראָפן אין דערמאָנטן קלויסטער לעבן ווילנע, מיט אבא קאָוונער און אַנדערע, וואָס האָבן זיך דאָרטן אויסבאַהאַלטן און האָט זיך צוריקגעקערט קיין וואַרשע מיט ידיעות וועגן די מאַסנמאָרדן אין ווילנע, ווי אויך אין טראַק, וואו ער האָט געזען ווי די דייטשן האָבן אויסגעמאָרדעט די ייִדן נאָכדעם ווי מ׳האָט זיי פאַרטריבן אויף אַן אינדזל אויף דער טראַקער אָזיערע. אין וואַרשע האָט זיך הענריק געטראָפן מיט די ערשטע שליחים פון ווילנע, צביה לובעטקין און פרומקע פּלאָטניצקע, וואָס האָבן, צוגלייך מיט אים, געבראַכט אַהין די טרויעריקע ידיעות וועגן די גרויזאַמע דייטשע רציחות אין ירושלים דליטא. די ידיעות האָבן דאָרטן געמאַכט אַ שרעקלעכן איינדרוק.

אין דעצעמבער 1941 זיינען פון ווילנע אַרויס קיין וואַרשע ע. באַראַקס, ש. ענטין, י. קעמפּנער און פּינטשעווסקי. עס זיינען דאַן אויך אָנגעקומען קיין וואַרשע חייקע גראָסמאַן און טאַמאַרע שניידערמאַן. געווייגלעך פלעגן זיך די שליחים טרעפן מיט זייערע באַטרעפנדיקע ציוניסטישע און חלוצישע אָרגאַניזאַציעס. אָנהייב 1942 איז ענדלעך פאָרגעקומען אַ באַראַטונג פון די אַלע שליחים מיט פאָרשטייער פון וואַרשעווער געטאָ[1]). ש. ענטין און ע. באַראַקס זיינען שפּעטער צוריקגעקומען קיין ווילנע מיט דער אינפאָרמאַציע, אַז געוויסע טיילן פון וואַרשעווער ייִדנטום האָבן אויפגענומען זייער באַריכט מיט אומגלויבן. די גרויסן, וואָס דיביידע שליחים האָבן געבראַכט פון „גענעראַל־גאָווערנמענט״, האָבן לכתחילה געקלונגען ווי „פאַנטאַסטישע מעשיות״, — שרייבט ד״ר מ. דוואָרזשעצקי (הצ״ו, ז׳ 342), „מען לעבט דאָרטן אין די געטאָס אָן אַקציעס, אָן מורא פאַרן טויט. דאָס איז זיכער געווען די עיקר־סיבה פון דעם אומגלויבן אין די ווילנער שחיטות״. שפּעטער, דערציילט ווייטער ד״ר דוואָרזשעצקי — זיינען אָבער „די באַריכטן געוואָרן אַלץ אומעטיקער און טראַגישער: איבערזידלונגען, פאַרשווינדונגען, טרויעריקע גרוסן פון לובלין, וואָלין, גאַליציע. עס איז געקומען צו אַ ׳גלייכשאַלטונג׳ צווישן ביידע טיילן פון אָקופּירטן פּוילן״.

דער גרויסער אונטערשייד צווישן די ביידע טיילן פון פּוילן, די ניי־באַזעצטע „קרעסן״ און דעם אַלט־באַזעצטן „גענעראַל־גאָווערנעמענט״, איז געקומען צוליב דעם, וואָס די דייטשע אַרמיי, וואָס האָט געמאַכט די אינוואַזיע אין רוסלאַנד, איז באַגלייט געוואָרן דורך די אַזוי גערופענע „איינזאַטץ־גרופּן״, — אַ ספּעציעלע פאָרמאַציע פון ס. ס. און דער נאַציישער זיכערקייט־דינסט, וועמענס אויפגאַבע איז געווען צו ליקווידירן פּאָליטישע קעגנער און ייִדן, ווי אויך אַנדערע ראַסן־פרעמדע עלעמענטן. די ליקווידאַציע פון די ייִדן אויף די ניי־אָקופּירטע געביטן (און אויך אין רוסלאַנד), האָט זיך, אַלזאָ, אָנגעהייבן נאָך פאַרן באַשלוס פון דער באַקאַנטער „וואַנזע־

קאָנפערענץ" אין בערלין, דעם 20טן יאַנואַר, 1942, — וועגן דער "ענד־גילטיקער לעזונג" פון דער יידן־פראַגע.

דער דאָזיקער באַשלוס האָט אויך "גלייכגעשאַלטעט"ביידע טיילן פון פוילן אויפן געביט פון יידן־ליקווידאַציע. נאָך דער "וואַנזעע־קאָנפערענץ" זענען די דייטשן צוגעטראָטן צו דער ליקווידאַציע פון די יידן, אויך אין "גענעראַל־גאָווערנעמענט", דורך דער אַזוי גערופענער "ריינהאַרד־אָפּעראַציע". בראש פון אָט דער אַקציע איז געשטעלט געוואָרן אדילאָ גלאָבאָצניק, ס.ס. און פּאָליציי־פירער פון לובלין. דאָן האָבן זיך אָנגעהויבן די מאַסן־דעפּאָרטאַציעס פון די גרויסע צענטערן: לובלין, לאָדזש, וואַרשע, ביאַליסטאָק, קעלץ און אַנד. אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן און סתם צו פאַרניכטונג. די נאַציס האָבן פריער עקספּראָפּריאירט דעם גאַנצן יידישן פאַרמעגן אין פוילן און האָבן עקספּלואַטירט די ביליגע יידישע אַרבעטס־קראַפט אין די געטאָס און לאַגערן.

די געטאָס און לאַגערן אין גאַנץ פוילן האָבן זיך געפונען אין רשות פון ס. ס. ("שוץ־שטאַפּעל"), וועלכע זענען לכתחילה געווען היטלערס "עליטע־גאַרד", און האָבן זיך שפּעטער אויסגעברייטערט צו אַ מעכטיקער זיכערקייטס־און קריגס־אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט איינגעשלאָסן אין זיך אויך "געשטאַפּאָ" ס. ד. (זיכערקייטס און שפּיאָנאַזש־דינסט) א. אַנד., בראש מיט היינריך הימלער. מיט דעם זיכערקייטס־אַמט האָט אָנגעפירט ריינהאַרד הײדריך, וואָס איז דערמאָרדעט געוואָרן אין מאַי 1942, אין לידיצע, טשעכאָסלאָוואַקיע. פאַראַן אַ מיינונג, אַז די "ריינהאַרד־אַקציע", וואָס איז געווען געריכטעט קעגן די יידן אין פוילן, ציט אויך איר נאָמען פון הײדריכס ערשטן נאָמען.

דער נירענבערגער טריבונאַל קעגן די דייטשע קריגס־פאַרברעכער האָט די גאַנצע ס. ס. צוזאַמען מיט אַלע אירע באַשטאַנדטיילן, פאַראורטיילט, אַלס קרימינעלע אָרגאַניזאַציעס, לגבי וועלכע עס זענען ניט חל די געזעצן פון קריג.

***

די עיקר־באַזוכן זיינען געגאַנגען קיין וואַרשע. די חלוצישע שליחים האָבן אָבער אויך באַזוכט ביאַליסטאָק, גראָדנע, קאָוועל. בעלא חזן איז מיט די פאַפּירן אויפן נאָמען פון בראָניע לימאַנאָווסקא געווען אין גראָדנע, וואו זי האָט זיך געטראָפן מיט לאָניע קאָזשיבראָדזקי. די לעצטע איז געפאָרן ווייטער — קיין ביאַליסטאָק, וואַרשע און איז 5 מאָל צוריקגעקומען קיין ווילנע, מיט גרוסן און ידיעות וועגן דער אַרבעט פון החלוץ און פועלי ציון אין די דערמאָנטע שטעט. פרומע פּלאָטניצקע האָט באַזוכט קאָוועל און געשאַפן דאָרטן אַן אונטערערדישע גרופּע.

פיל לאַנגע, פאַרצווייגטע רייזעס האָט געמאַכט מ. טענענבוים־טאַמאַראָוו,

וואָס איז מיט פּאַפּירן אויפן נאָמען פון טאָטער יוזעף טאַמאַראָוו, געפאָרן קיין ביאַליסטאָק, וואו ער האָט געהאָלפן קאָנצענטרירן די חלוצים פון די אַרומיקע שטעטלעך לויט די אָנווייזונגען פון מרכז החלוץ אין וואַרשע.

טענענבוים־טאַמאַראָוו האָט בכלל געשפּילט אַ צענטראַלע ראָל אין דער חלוצישער יוגנט. ער האָט, ווי געזאָגט, געשאַפן די חלוצישע קאָאָרדינאַציע, געווען אַקטיוו צווישן פּועלי ציון־התאחדות. בעת די „אַקציעס" פלעגט ער אַרויספירן חלוצים, אָן אַרבעטס־שיינען, אין די וועלדער פון וואָלאָקומפּיע, וואו ס'איז אַמאָל געווען אַ חלוצישע פאַרם. ער איז געווען צווישן די איניציאַ־טאָרן פון ציוניסטישן „דאָר" און שפּעטער אויך אַרויסגעפירט חלוצישע גרופּן קיין ביאַליסטאָק, מיט דער הילף פון דייטשן אַנטי־נאַצי, שמידט[2] אין ביאַליסטאָק האָט ער אָרגאַניזירט אַ חלוצישן סעמינאַר, וואָס איז געוואָרן דער קערן פון שפּעטערדיקן אויפשטאַנד דאָרטן.

זייענדיק אין וואַרשע, האָט ער רעדאַקטירט די אונטערערדישע „חלוץ־ידיעות" און געהאָלפן אין פּרילינג 1942 שאַפן דעם אַנטי־פאַשיסטישן בלאָק, וואָס איז געווען דער יסוד פון דער „יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע", וועלכע איז אַנטשטאַנען דעם 28סטן יולי 1942. טענענבוים איז אויך אַריין אין איר שטאַב, צוזאַמען מיט יצחק צוקערמאַן, צביה לובעטקין און שמואל ברעס־לאַוו.

אין אָקטאָבער 1942 איז טענענבוים צוריקגעקומען קיין ביאַליסטאָק, זיך געשטעלט בראָש פון דער דאָרטיקער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע און גע־שאַפן פאַרבינדונגען מיט די פּאַרטיזאַנער אין וואַלד און דער פּוילישער אונטערערדישער „וואָלקאַ ציווילנאַ" (ציווילער קאַמף), ביי וועלכער ער האָט אומזיסט געפּרוּווט קריגן געווער פאַרן אויפשטאַנד. טענענבוים איז געפאַלן שטייענדיק בראָש פון דעם אויפשטאַנד אין ביאַליסטאָקער געטאָ, וואָס איז אויסגעבראָכן דעם 16טן אויגוסט, 1943. די גענויע דאַטע און אומשטענדן פון זיין טויט זיינען אומבאַקאַנט.

אויך צוויי פּוילישע האָבן אויסגעפירט שליחותן פון דער חלוצישער באַוועגונג: אירענאַ אַדאַמאָוויטש און יאַדזיע דודיעץ. די ערשטע איז געווען פאַרבונדן, אַלס אַקטיווע סקאַוט־טוערין, נאָך פאַרן קריג, מיטן „החלוץ" אין וואַרשע. זי האָט די ערשטע געבראַכט אין ווילנער געטאָ די ידיעות וועגן די גאַז־קאַמערן און די „איבערזידלונגען" פון די יידן אין פּוילן. זי איז אויך געפאָרן קיין קאָוונע כדי מיטצוטיילן וועגן די שחיטות אין ווילנע און אין פּוילן. יאַדזיע דודיעץ, וואָס איז געשטאַנען אין קאָנטאַקט מיט יחיאל שיינבוים, פלעגט באַזוכן דאָס געטאָ אין ווילנע און ברענגען אַהין געווער. זי האָט אויסגעפירט שליחותן קיין קאָוונע און שאַוול, און איז אומגעקומען דעם 13טן אויגוסט 1942. אַדאַמאָוויטש איז געבליבן לעבן.

„די געשיכטע־פאָרשער וועלן פאַרשרייבן דעם פאַקט פון אַ גוואַלדיקן אַקטיוון אָנטייל פון דער יידישער פרוי אין

ד ע ר ו ו י ד ע ר ש ט אַ נ ד ס ־ ב אַ ו ו ע ג ו נ ג . . . בשליחות פון געטאָ צו געטאָ, ביים גנבענען גרענעצן, ביים איבערשמוגלען געווער און אויפרופן, אין קאַמף, אין וואַלד, אויף דער אַרישער זייט — אויף די אַלע פראָנט־פּאָזיציעס פון יידישן לעבן אונטערן נאַצי־רעזשים״, — שרייבט מ. דוואָרזשעצקי (הצ״ו, ז׳ 298), אַן אַריש פּנים, דאָס קענען בלאָנד מאַכן די האָר, סימולירן אַן אַריערן, — דאָס אַלץ האָט זיי געהאָלפן באַוועגן זיך אויף גאַסן און וועגן מיט ׳אַרישע׳ פּאַפּירן. מען איז טראָץ דעם אויך אַריינגעפאַלן און געענדיקט דעם לעבן אין קעלערן פון געשטאַפּאָ. און דאָך פרייוויליק געגאַנגען צו שליחותן און געבראַכט ידיעות אין די געטאָס, אונטערהאַלטנדיק אַזוי אַרום די פאַר־בינדונג צווישן זיי״.

די פּאַרטיי פּועלי ציון־התאחדות איז אויך געשטאַנען אין אַ ש ר י פ ט ־ ל ע כ ן קאָנטאַקט מיט אירע וויכטיקע חברים אין וואַרשע און געשיקט בריוו צו ד. ראַדזונסקי, ד״ר נתן עק, ש. גראַיעק און שפּעטער צו מ. טענענבוים אין וואַרשע; אין גראָדנע (ד״ר בעלקא); ביאַליסטאָק (כמיעלניק); קאָוונע (ל. גאַרפינקל); לידע (קאַטיק), ווי אויך אין אַנדערע געטאָס און לאַגערן אין ווילנער געטאָ. פון טענענבוימס לעצטן בריוו האָט מען זיך, אגב, שפּעטער אויך דערוואוסט וועגן די קאַמפן און פאַרניכטונג פון וואַרשעווער געטאָ.

פּועלי ציון־התאחדות האָט די ערשטע אָנגענומען אַ נעגאַטיווע באַציאונג צום יודן־ראַט און צו דער יידישער פּאָליציי. זי איז אויך געווען אַ טרייבנדיקער כוח אין דער אוניפיקאַציע פון דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג אין ווילנע.

יחיאל און פּעסיע שיינבוים, וואָס האָבן אָנגעפירט מיטן „החלוץ״ נאָך טענענבוימס אָפּפאָר, האָבן קאָאָרדינירט די טעטיקייט פון פּועלי ציון, החלוץ און דרור (פרייהייט).

די אַנטשטייונג פון ווידערשטאַנד אין ווילנע

פּאָנאַר איז געוואָרן אין ווילנע דער סימבאָל פון אומגעבראַכטע יידן. עס איז דעריבער ניט קיין וואונדער, אַז אויך דער ווידערשטאַנד אין ווילנע איז אַנטשטאַנען אונטערן לאָזונג „ניט גיין קיין פּאָנאַר!״ די ערשטע געהיימע פאַרזאַמלונג אונטערן דאָזיקן לאָזונג, איז געווען דער „יזכור״־אָוונט פאַר די אומגעקומענע אין פּאָנאַר, גערופן דורך די חלוצישע גרופּן אויפן 1טן יאַנואַר 1942. אויפן דאָזיקן אָוונט איז צום ערשטן מאָל געוואָרפן געוואָרן דער רוף צום ווידערשטאַנד קעגן די נאַצישע מערדער. פאַר די פאַרזאַמלטע איז פאַר־עפנטלעכט געוואָרן, אין יידיש און העברעאיש, דער ערשטער ווידערשטאַנד־אויפרוף, וואָס אבא קאָוונער האָט געבראַכט פון קלויסטער, וואו ער האָט זיך אויסבאַהאַלטן. דער אויפרוף, וואָס איז שפּעטער איבערזעצט געוואָרן אויף פּויליש און ליטוויש, האָט געלויטעט:

„לאָמיר ניט גיין ווי שאָף צו דער שחיטה!

„יידישע יוגנט, גלייבט ניט די פאַרפירערס! פון די אַכציק טויזנט יידן אין ירושלים דליטא, זיינען געבליבן נאָר צוואַנציק טויזנט. פאַר אונדזערע אויגן האָט מען אַרויסגעפירט די עלטערן, ברידער און שוועסטער. וואו זיינען די הונדערטער מענטשן, געכאַפטע אויף אַרבעט דורך דער שטאָטישער פאָליציי? וואו זיינען די באַקעטע פרויען און קינדער, אַרויסגעפירטע אין דער גרוילעכער נאַכט פון דער פּראָוואָקאַציע? וואו זיינען די יידן, געכאַפּטע אום יום־כיפור? וואו זיינען אונדזערע ברידער פון צווייטן געטאָ? — וועמען מען האָט אַרויסגעפירט פון געטאָ וועט זיך מער ניט אומקערן, ווייל אַלע וועגן פירן פון געשטאַפּאָ קיין פּאָנאַר, און פּאָנאַר איז — טויט!

„רייסט אַראָפּ די אילוזיע פון פאַריאושטע: אייערע קינדער, פרויען און מענער זיינען נישטאָ! פּאָנאַר איז נישט קיין לאַגער. מען האָט זיי אַלעמען דערשאָסן. עס האָט היטלער געמאַכט אַ סיסטעם אומצוברענגען אַלע יידן אין איראָפּע. אויף אונדז איז געפאַלן די ערשטע ריי.

„לאָמיר ניט גיין ווי שאָף צו דער שחיטה! אמת, מיר זיינען שוואַך און האָבן ניט קיין הילף, אָבער דער איינציקער ווירדיקער ענטפער דעם שונא איז ווידערשטאַנד!

„ברידער, בעסער פאַלן ווי פרייע קעמפערס, איידער לעבן אין דעם מערדערס גענאָד! זיך קעגנשטעלן ביזן לעצטן אָטעם!

„1טער יאַנואַר 1942, ווילנע, אין געטאָ”.

דער געדאַנק וועגן באַוואָפנטן ווידערשטאַנד האָט געגורטעוועט אין אַלע אונטערערדישע אָרגאַניזאַציעס, און דעם 23סטן יאַנואַר, איז אויף אַ זיצונג פון פאָרשטייער פון די פּאַרטייען, אויף רודניצקער 6, געלייגט געוואָרן דער יסוד פון דער „פאַראייניקטער פאַרטיזאַנער־אָרגאַניזאַציע” (פ.פ.אָ.). אין דער זיצונג האָבן זיך באַטייליקט: אבא קאָוונער, יצחק וויטענבערג, יוסף גלאַזמאַן, ניסן רעזניק, כיענע באַראָווסקי און פּרוכט, אַ געוועזענער מאַיאָר פון דער פוילישער אַרמיי.

ביים שאַפן די פ.פ.אָ. איז געווען זייער אַקטיוו דער „השומר הצעיר”, וואָס האָט אויך אַרויסגעגעבן פיל אַקטיווע פאַרטיזאַנערס, ווי אבא קאָוונער, מיכל קאָוונער, ליזע מאַגון, ברוך גאָלדשטיין, הירש ראָזאַנאָוויטש, רוזשקע קאָרטשאַק א. אַנד. „הנוער הציוני” איז דאָרטן געווען רעפּרעזענטירט דורך ניסן רעזניק. די רעוויזיאָניסטישע בית”ר־יוגנט איז געווען רעפּרעזענטירט דורך יוסף גלאַזמאַן, וואָס האָט געהאָלפן מיטגרינדן די פ.פ.אָ. אירע אַקטיוויסטן זיינען געווען: באָריע פרידמאַן, חיים לאַזאַר, ב. שניידער, יצחק קאָוואַלסקי, משה קושינסקי, י. פוקסמאַן און אַנדערע. דער „בונד” האָט, טראָץ זיינע ערשטע ספיקות, געהאַט פאָלגענדיקע אַקטיווע חברים אין ווידערשטאַנד: אברהם כוואיניק, אסיע ביק, שמואל קאַפּלינסקי, סימקע פּאַלעווסקי און גאָלאָמב. „בונד” האָט לכתחילה בכלל זיך אָריענטירט אויף פ.פ.ס. די

קאמוניסטישע גרופע, האט אין פ.פ.א. געהאט פאלגענדיקע אקטיוויסטן: יצחק וויטענבערג, בערל און ראזע שערשעניעווסקי, כיענע באראווסקא, לייב אפעסקין, יעקב קאפלאן, ליאווקע און הירש גארדאן, סאניע מאדייסקער, אימקע און דאנקע לובאצקי א. אנד.

דער ערשטער שטאב פון פ.פ.א. איז באשטאנען פון: יצחק וויטענבערג, קאמאנדיר; אבא קאוונער און יוסף גלאזמאן, מיטגלידער פון שטאב. שפעטער זיינען צוגעקומען ניסן רעזניק, אברהם כוואיניק, יעקב קאפלאן און ל. זיסקא־וויץ. די ערשטע באטאליאן־קאמאנדירן זיינען געווען: י. גלאזמאן און אבא קאוונער; אפטייל־קאמאנדירן — ברוך גאלדשטיין, סאניע מאדייסקער און שמואל קאפלינסקי; גרופן־קאמאנדירן — עדעק באראקס און יצחק מאצ־קעוויטש.

ביי דער ארגאניזאציע זיינען געשאפן געווארן באזונדערע קאמפס־גרופן: דיווערסאנטן, אויסשפירערס, קוילנוואַרפערס, מינען־לייגערס. א געהיימער ראדיא־אפאראט איז געווען אויף קארמעליטע גאס 3. יעדן אוונט איז צעטיילט געווארן א ביולעטין וועגן דער לאגע אויף די פראנטן. דער דרוקער י. קא־וואלסקי האט ארויסגעגנבעט פון דער דייטשער דרוקעריי דרוק־מאטעריאלן און מאנטירט א געהיימען דרוק אין און אויסערן געטא, וואס האט ארויסגעגעבן דעם פוילישן „שטאנדארט וואלנאשטשי" און אנדערע אונטערערדישע אויסגאבעס אין ליטוויש, פויליש און דייטש. א ספּעציעלער אפטייל האט אנ־געפירט מיטן אויסשפירן די ארבעט פון דער געטא־פאליצייַ, די דייטשע גע־היימע באפעלן, מיליטערישע סודות, אויפדעקן פראוואקאטארן א.ד.גל. געווען אויך אן אינסטרוקטארן־קורס. מיט די קורסן פאר באנוצן זיך מיט געווער האבן אנגעפירט די אפטייל־קאמאנדירן.

די צווייטע קאמפס־ארגאניזאציע פון יחיאל שיינבוים, איז באשטאנען פון א צאל קלענערע גרופן. שיינבוים אליין איז אין אנפאנג קריג געקומען קיין ווילנע מיט א גרופע חלוצים פון וואלין און זיך באזעצט אין קיבוץ „שחריה" אויף סובאטש. חוץ דער קערן־גרופע פון דרור־החלוץ הצעיר, צו וועלכער עס האבן געהערט פעסיע שיינבוים, אלחנן מגיד, צ. שומא־וויטש, בעלא מלמד און י. געלער, איז „יחיאלס קאמפס־גרופע" באשטאנען פון דער פרידמאן־גרופע, דער נאטעק־רינג־גרופע, דער גרופע „גראדנער", עקיבא־גרופע א. אנד. צו דער ערשטער האבן געהערט די רעוויזיאניסטן ב. פרידמאן, די ברידער איזגור, ש. לעווין, ז. טאקער, פ מגיד און אויך ניט־רעוויזיאניסטן; צו דעם נאטעק־רינג: ל. ליפענהאלץ, ג. רויטבארט, י. פוויסט, די ברידער ווארשאווטשיק א. אנד. די „גראדנער" זיינען באשטאנען פון פליטים פון גראדנער געטא: מאיר זאמאשטשיאנסקי, ל. זאלצמאן, אולקע א. אנד., ווי אויך פליטים פון סוויר און אנדערע שטעטלעך. די „עקיבא"־גרופע איז אנגעשלאסן געווארן אן „יחיאלס־גרופע" דורך משה קאלכהיים. די אלע גרופעס זיינען געווען פאראייניקט מיטן געדאנק, אז דאס געטא וואס

געפינט זיך אין צענטער שטאָט, דערלויבט ניט קיין רעוואָלט. די באַוואָפנטע ייִדן דאַרפן דעריבער אַרויסגעפירט ווערן אין וואַלד און פירן דעם קאַמף קעגן שונא צוזאַמען מיט די דאָרטיקע פּאַרטיזאַנער.

די „יחיאל־גרופּע" איז אָנגעפירט געוואָרן דורך אַ שטאַב פון: יחיאל שיינבוים, קאָמענדאַנט; נ. רינג און ש. בראַנד, געווער־אָפּטייל; ב פרידמאַן, פינאַנסן; לעאָ בערנשטיין, פּראָפּאַגאַנדע. די משפּחה פון מעכאַניקערס פּענעאוסאָוו האָט פאַרריכט געווער און געמאַכט עס נוצלעך. די גרופּע האָט זיך צעטיילט אין 5טלעך. צווי אַ. ג. „פּאָליציייאישע" פינפטלעך זיינען געשיקט געוואָרן אין דער פּאָליציי, כדי צו באַקומען געווער, דערוויסן זיך אירע סודות, דערגיין באַצייטנס וועגן געפּלאַנטע פאַרניכטונגס־פּלענער א. ד. גל. דאָס זעלבע האָט אויך פּראַקטיצירט די פ.פּ.אָ.

די „יחיאל־גרופּע", וואָס האָט לכתחילה געציילט 100 חברים, איז צום סוף פון געטאָ געוואָקסן ביז 200 און זיך פאַראייניקט מיט דער פ.פּ.אָ. אַ טייל חברים איז געלונגען אַרויספירן פון געטאָ צו די פּאַרטיזאַנער אין וואַלד. ווען שיינבוים איז געפאַלן דעם 1טן סעפּטעמבער 1943, בעתן אויפשטאַנד, האָט די אָנפירונג מיט דער גרופּע איבערגענומען אלחנן מגיד, וואָס האָט זיך שפּעטער אויסגעצייכנט מיט זיין העלדישקייט אין דער רודניצקער פּשטשע.

די חברים פון פּועלי ציון־התאחדות זיינען אַריינגעטראָטן סיי אין פ.פּ.אָ., סיי אין יחיאלס קאַמפּס־גרופּע. אַזוי איז געשען אויך מיט אַנדערע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס: דעם בית"ר, הנוער הציוני, עקיבא און צווישן אומפּאַרטיי־אישע. ד"ר מ. דוואָזשעצקי וויַיזט אָן אויך, אַז „די חברים זיינען גערופן געוואָרן אויסצואיבן זייער השפּעה אין דער ריכטונג, פון צונויפצוגיסן אַלע באַזונדערע קאַמפּס־גרופּן אין איין פאַראייניקטער פּאַרטיזאַנער־אָרגאַניזאַציע — אין שיינבוים האָט אַ סך מיטגעווירקט דער אוניפיקאַציע". שיינבוים אַליין איז שפּעטער אויך אַריין אין שטאַב פון דער געאייניקטער פ.פּ.אָ.[3])

צוליב דעם וואָס אין וואַרשע האָט מען ניט געגלייבט די אַריבערגעבראַכטע אַהין ידיעות וועגן די מאַסן־שחיטות אין ווילנע, האָט די פ.פּ.אָ. אַרויסגעשיקט אין אַפּר' 1942 מיט די שוועסטער זילבער אַן אויפרוף, אַהין און קיין ביאַליסטאָק, מיט אַן עדות־פּראָטאָקאָל וועגן די אויסמאָרדונגען. אין אויפרוף איז, צווישן אַנדערן, געשריבן געוואָרן:

„דער גורל פון אַלע ייִדן אונטער דער היטלעריסטישער אָקופּאַציע איז אַן אַלגעמיינע אויסראָטונג, ניט געקוקט אויף דיווירטשאַפטלעכע אינטערעסן פון די דייטשן.

„ברידער! רייסט אַראָפּ די איינרעדעניש, אַז אונדז קאָן ראַטעווען ווירטשאַפטלעכע נויטווענדיקייט. וואַרפט אָפּ די האָפענונג, אַז צוליב ווירט־שאַפטלעכע סיבות וועלן די דייטשן ניט וועלן פאַרטיליקן די פערציק טויזנט ייִדן אין ביאַליסטאָק און אַ פּשיטא שוין דעם האַלבן מיליאָן ייִדן אין וואַרשע. די אויסראָטונג פון די ייִדן איז אַ צענטראַלע אַקציע. זי איז ניט אָפּהענגיק

פון קיין שום אָרטיקע אָרגאַנען. די דייטשן אין גראָדנע, ביאַליסטאָק און וואַרשע, כדי צו האָבן אַרבעט און ניט גיין אויפן פראָנט, קענען פאַרציען דעם קיום פון די געטאָס אויף אַ קורצער צייט. די אויסראָטונג אָבער איז אַ סיסטעמאַטישער פּראָצעס, וואָס פריער אָדער שפּעטער וועט ער אַלעמען טרעפן. דאָ הערשט אַ פּאָליטישער פּראָגראַם איבער די אַלע ווירטשאַפטלעכע פאַקטאָרן. וואו ס'איז נאָר דאָ אַ יידישער ישוב אונטער היטלערן, וועט זיין פאַנאַר.

ייִדן, אָרגאַניזירט זיך, נעמט זיך צו געווער!

ייִדן! צום ווידערשטאַנד!"

בײדע שוועסטער זילבער זײַנען צוריקגעקומען קיין ווילנע אַרעסטירט געוואָרן אין מאַלקיניע, נאָך פריער איז אין דער זעלבער מאַלקיניע געוואָרן אַרעסטירט ש. ענטין, וואָס איז פריער צוזאַמען מיט באַראַקסן, געפאָרן קיין וואַרשע. אַרעסטירט זײַנען געוואָרן דורך די דייטשן אויך ליאָניע קאָזשיבראָדזקע און בעלאַ חזן. די ערשטע דריי זײַנען אומגעקומען אין וואַרשעווער „פּאַוויאַק"-תפיסה, די לעצטע צוויי זײַנען פון „פּאַוויאַק" אָפּגעפירט געוואָרן קיין אוישוויץ, וואו קאָזשיבראָדזקע איז געשטאָרבן פון טיפוס.

בײדע קאַמפס-אָרגאַניזאַציעס האָבן אויך געזוכט פאַרבינדונגען מיטן אונטערערד אין ווילנע און מיט דער פּאַרטיזאַנער-באַוועגונג אין דער אומגעגנט. אין פעברואַר 1942 האָט ה. ראָזאַנאָוויטש געבראַכט די ערשטע ידיעה וועגן אַ גרופּע פּאַראַשוטיסטן, וואָס האָט זיך אַראָפּגעלאָזן לעבן ביאַלאַ וואַקאַ. וויטענבערג איז אַהין אַוועק. די פּאַראַשוטיסטן האָבן אָנערקענט די פ.פ.אָ. אַלס טייל פון דער אַלגעמיינער פּאַרטיזאַנער-באַוועגונג. די גרופּע גופא איז שפּעטער פאַרראַטן געוואָרן דורך פּויערים צו די דייטשן.

ניט געלונגען איז דער פּרואוו דורכצוגיין די דייטש-רוסישע פראָנט-ליניע און צו פאַרבינדן זיך מיט דער סאָוועטישער פּאַרטיזאַנער-אָנפירונג דורך שיקן אַהין ס. מאַדייסקער און צעשע ראָזענבערג.

אין פרילינג 1943 איז מען דערגאַנגען, אַז אין די וועלדער איז טעטיק אַ ווייסרוסישע פּאַרטיזאַנער-בריגאַדע, אָנגעפירט דורך גען. מאַרקאָוו, און אַ ליטווישע — בראש מיט יורגיסן. די פ.פ.אָ. האָט באַקומען פון מאַרקאָוון אַ בריוו אַרויסצוגיין אין וואַלד און אָנשליסן זיך אָן אים. זי אָבער איז געווען קעגן, האַלטנדיק קודם פון ווידערשטאַנד אין געטאָ. די קאָמוניסטישע פּאַרטיי האָט געהאַט אין ווילנע אַ שטאַב פאַר פּאַרטיזאַנער-טעטיקייטן, בראש מיטן געוועזענעם ראש פון שטאָט-ראַט, וויטאַס און וויטענבערגן, אַלס פאָרשטייער פון פ.פ.אָ., דער שטאַב האָט אָבער גאָרניט געטאָן, כדי צו קויפן געווער פאַר פ.פ.אָ., אָדער שטיצן דעם יידישן ווידערשטאַנד מיט ניט-יידישע קאַמפס-גרופּן, און מיט באַהעלטענישן אין שטאָט.

יחיאלס גרופּע און די פ.פ.אָ. האָבן בײדע אויך געזוכט קאָנטאַקטן מיטן פּוילישן אונטערערד. ער האָט אָבער געטראָגן אַן אויסגעשפּראָכן אַנטיסע-

מיטישן כאַראַקטער און איז אויך געווען שאַרף אַנטי־סאָוועטיש. די יידן האָבן געזען, אַז מצד די פּאָליאַקן קאָנען זיי גאָרניט דערוואַרטן.

יחיאלס גרופּע איז אָבער געלונגען אָנביגדן אַ קאָנטאַקט מיט די ווייס־רוסישע פּאַרטיזאַנער, אַ דאַנק די געוועזענע וואַלד־סוחרים, מ. באָסטאַמסקי ח. סאַלץ. ביידע זיינען געווען אויסגעבונדן מיט זייער געגנט און גוט געקענט די פּויערים אין די דערפער אַרום ווילנע. באָסטאַמסקי האָט געבראַכט קיין ווילנע די ערשטע ידיעה וועגן די פּאַרטיזאַנער אין דער רודניצקער פּושטשע, וואָס ער איז דערגאַנגען פון באַקאַנטע טאַטערן פון דאָרף סאַראַק טאַטאַר, און סאַלץ, וואָס איז אַנטלאָפן פון די שחיטות אין אַלקעניק, האָט איבערגעגעבן נאָך אין ווינטער פון יאָר 1941 יחיאלס גרופּע די ידיעה וועגן דער פּאַרטיזאַנער־גרופּע פון זיין פריינט גערווילאָווסקי (אָנגערופן אויך „באַטיאַ”) און פאַרגעלייגט זיך הילף ביים אַרויספירן יידן אין וואַלד.

די ערשטע גרופּע האָט פאַרלאָזן דאָס געטאָ ביינאַכט דעם 20סטן אַפּריל 1943, בראש מיט באַריע פרידמאַן. זי איז באַשטאַנען פון 28 חברים פון פאַרשידענע ריכטונגען און באַגלייט געוואָרן דורך מ. באָסטאַמסקי. אַ סך שפּעטער איז מען דערגאַנגען, אַז די גרופּע, צו וועלכער עס זיינען אונטער־וועגנס צוגעשטאַנען 6 יידן פון ביאַלאַ וואקא מיט ביקסן, צוגערויבט ביי ליטווינער, איז אָנגעקומען אין וואַלד בעת אַ דייטשער בלאָקאַדע און זיך גע־דרייט אין די אַרומיקע דערפער, ביז וואַנען זי איז אָנגעקומען אין אַ כוטאָר פון אַ פּאָליאַק, וואָס האָט אַראָפּגעבראַכט צו זיך פּוילישע, פאַשיסטישע פּאַר־טיזאַנער. בעתן קאַמף איז די גאַנצע גרופּע אומגעקומען. שפּעטער, ווען אין וואַלד האָבן זיך באַוויזן די ערשטע יידישע פּאַרטיזאַנער, האָט זייער אַ גרופּע גענומען נקמה פאַרן פאַרגאָסענעם בלוט. די פאַררעטער פון כוטאָר זיינען געוואָרן דערשאָסן און דאָס הויז איז אַוועק מיטן פייער.

די פראַגע פון געווער

איזאָלירט פון דער אַרומיקער וועלט, האָט דאָס געטאָ ניט געהאַט קיין שום מעגלעכקייט צו קריגן געווער. די ערשטע גראַנאַטן זיינען געבראַכט געוואָרן צו קאָוונערן דורך דער קלויסטער־מוטער וואָס האָט אים אויסבאַהאַלטן. דעם ערשטן רעוואָלווער האָט סוף יאַנואַר 1942 אַריינגעטראָגן אין געטאָ ברוך גאָלדשטיין, וואָס האָט אים געגנבעט ביי דייטשן. ער איז געוואָרן איינער פון די אַקטיווסטע געווער־אַריינשמוגלער.

מ'האָט ביסלעכווייז בכלל אָנגעהויבן אַרויסגנבענען געווער פון די אַרבעטס־פּלעצער און מאַגאַזינען. געגנבעט האָט מען רעוואָלווערן, טיילן פון געווער און אויפרייס־מאַטעריאַלן. אַנדערע האָבן געקויפט געווער און דער פּרייז פון אַ רעוואָלווער איז באַלד געוואַלטיק געשטיגן, ביז 25 טויזנט

רובל. מען האָט געצאָלט מיט קידושין־רינגלעך, זייגערס, מלבושים. געקויפט האָט מען ביי פּויערים, פּוילישע אַרבעטערס ,קאָנדוקטאָרן, שיכורע דייטשן. מען פלעגט עס אַריינשמוגלען ווי שפּייז, אָדער דורך לעכער אין קעלערס און בוידעמער, אין פורן מיסט, ארונות מיט מתים, אָדער אין זעק מעל, לאַבנס ברויט וכד׳. מ׳האָט אויך פּראָדוצירט און פאַרריכט קאַלט געווער אין די געטאָ־וואַרשטאַטן : העק, מעסערס, קינזשאַלן, טיילן פון רעוואָלווערן, ספּרונגזשיבעס ; עטלעכע הונדערט האַנט־גראַנאַטן האָט מען געמאַכט פון עלעקטרישע לעמפּלעך, מיט אויפרייס־שטאָף, וואָס איז אַריינגעשמוגלט גע־וואָרן אין געטאָ אַנשטאָט קאַרטאָפל און האָלץ. די אַרסענאַלן פון געווער האָבן זיך געפונען אין געווער־מאַלינעס, קעלערס, בוידעמער, אונטער פּאָדלאָגעס, אין טאָפּלטע דעקן פון עמערס מיט וואַסער, אין מעדיצינישע סלויען, פּוסטע קלעצער א.ד.גל. אין די שולן און יוגנט־קלובן, קעלערס וכד׳ האָט מען זיך געאיבט אין באַנוצן ס׳געווער, פונאַנדערנעמען עס און צוריק אויפשטעלן א. ד. גל. צו די קאַמפס־גרופּן האָבן אויך געהערט מעדיצינער און קראַנקן־שוועסטער און אַ ריי מעדיצינער, וואָס האָבן זיך דורכגעריסן אין וואַלד, האָבן דאָרט געלייסטעט וויכטיקע הילף.

נאָך פאַרן אַנטשטיין פון דער פ.פ.אָ. האָבן יידן אָנגעהויבן דורכצופירן ספּאָנטאַן אַליין סאַבאָטאַזש־אַקטן : טראַנספּאָרט און אַנדערע אַרבעטער פלעגן צעשטערן טיילן פון זייערע מכשירים, צעברעכן רייפן, איבעררשניידן אַקסן פון ראָווערן, מאַכן לעכער אין די בענזין־פּעסלעך פון טאַנקען, צענעמען און קאַליע מאַכן מאַשינען ; דורכלעכערן זעק מיט מעל, טיילן פון קוילנוואָרפערס, אויסדרייען מאַשינען פון עראָפּלאַנען א.ד.גל. דער דייטש פלעגט אין דעם חושד זיין פּאָליאַקן און ליטווינער, האַלטנדיק אַז יידן האָבן מורא צו טאָן אַזעלכע זאַכן.

אין זומען 1942 זיינען פאָרגעקומען דיווערסיע־אַקטן. שפּעטער — גנבות אין די דייטשע אַמטן. דאָס צונעמען מלבושים, וועש, מאַנטלען, שויבן, גלאָז, שפּייז, קינדער־זאַכן, פּענצטער א.ד.גל. האָט געגעבן גרויס הילף דער געטאָ־עקאָנאָמיק. צוגלייך זיינען געמאַכט געוואָרן שריפות אין פאַבריקן, בענזין־סקלאַדן, צעשרויפט געוואָרן רעלסן אויף באַן־וועגן, אונטערגעצונדן געוואָרן קוילן־סקלאַדן, געווער־אַרסענאַלן.

דער געדאַנק וועגן אַקטיוון ווידערשטאַנד האָט זיך געשטאַרקט, ווען דאָס געטאָ האָט באַקומען ידיעות וועגן דער אויסשלאַכטונג פון דער יידישער באַפעלקערונג אין ווייסרוסלאַנד. געווען אויך קלאַנגען וועגן אויפשטאַנדן אין בראַסלאַוו, נאַוואָרעדאָק, ניעסוויזש, מיר, קלעצק א. אַנד. און וועגן פּאַר־טיזאַנער־גרופּן אין די וועלדער. פּליטים האָבן געבראַכט ידיעות פון די שחיטות אין לידע, באַראַנאָוויטש, אשמענע, סאָל, סמאָרגאָן און פון אַנדערע שטעטלעך, וואו מען האָט ליקווידירט די יידן.

סוף אַפּריל 1943 איז אָנגעקומען די ידיעה וועגן אויפשטאַנד אין וואַרשע,

וואָס האָט געמאַכט אַ געוואַלטיקן רושם. די אָנפירנדע אינסטאַנצן פון ווידער־שטאַנד האָבן דעם 1טן מאַי 1943 פאַרוואַנדלט אין אַ פייערונג פון אויפשטאַנד.

ווידערשטאַנד אָן געווער אין ווילנע

די ערשטע אַקטן פון ווידערשטאַנד אין ווילנע זיינען געשען נאָך איידער די ווידערשטאַנד־באַוועגונג איז אַנטשטאַנען. זיי זיינען פאָרגעקומען באַלד נאָך דער אָקופּאַציע פון דער שטאָט דורך די דייטשע און זיינען אויסגעפירט געוואָרן אָ ן ג ע װ ע ר. וועגן ערשטן, ספּאָנטאַנעם ווידערשטאַנד־אַקט, וואָס איז פאָרגעקומען אין ווילנער געטאָ, דערציילט ד״ר מ. דוואָרזשעצקי פאָלגענדעס[4]:

„דעם 4טן אָקטאָבער (1941) האָבן די דייטשן אַרויסגעפירט פון געטאָ נומער 2 — צוויי טויזנט יידן. מען האָט זיי געזאָגט, אַז מען פירט זיי אין דריטן געטאָ. ווען די יידן האָבן דערזען אויפן וועג, אַז מען פירט זיי צו דער תפיסה אין לוקישקי, איז אויסגעבראָכן ביי איינער פון די פּאַרטיעס אַ ס פּ אָ נ ט אַ נ ע ר פּ אַ ס י װ ע ר װ י ד ע ר ש ט אַ נ ד ־ אַ ק ט. זיי האָבן זיך אויסגעלייגט אויפן וועג און ניט גערירט פון אָרט, טראָץ די קלעפּ. דאָס איז געווען דער ערשטער קאָלעקטיווער ווידערשטאַנד־אַקט אין ווילנער געטאָ״.

אין די טעג פון די „געלע שיינען״ זיינען נאָך דער אַקציע געפונען געוואָרן אויף די הויפן די דערשאָסענע קערפּערס פון יידן, וואָס האָבן ניט געלאָזט זיך פירן קיין פּאָנאַר און געוואָלט בעסער אומקומען אין געטאָ.

„דעצעמבער 1941, ווען ס׳איז אין געטאָ פאָרגעקומען די אַזוי־גערופענע אַקציע פון „אונטערוועלט״, האָט אויפן וועג קיין פּאָנאַר רעוואָלטירט די אַרויסגעפירטע פּאַרטיע, וועלכע איז באַשטאַנען פון פיזיש־קרעפטיקע מענטשן: בעלי־עגלות, טראַנספּאָרטלער, גנבים און אונטערוועלט־מענטשן. זיי זיינען באַפאַלן מיט בלויזע הענט זייערע באַוואָפנטע באַגלייטערס, גע־ראַנגלט זיך מיט זיי און אַ סך פון זיי איז געלונגען צו אַנטלויפן און אין איניקע טעג אַרום צוריקגעקומען אין געטאָ״[5].

וועגן אַן ענלעכן, ג ע װ ע ר ל אָ ז ן קאַמף קעגן די דייטשן, דערציילט דוואָרזשעצקי אין קאַפּ׳ „דער ווידערשטאַנד פון האוז און גאָלדשטיין״[6]:

„עטלעכע צענדליק יידן האָבן זיך דאָן באַהאַלטן אין אַ מאַלינע אויף שפּיטאָל־גאַס 11. די ס.ס.־לייט האָבן מיר שפּיר־הינט אויסגעפונען די מאַלינע און זי אויפגעריסן. די יידן האָבן אָבער ניט געוואָלט אַרויסגיין. דער ס.ס.־מאַן שווינענבערג, באַגלייט פון זיינע לייט, איז דאַן אַריין אין דער מאַלינע און האַלטנדיק געצילט אויטאָמאַטיש געווער אויף די יידן, אויפגעפאָדערט זיי צו פאַרלאָזן די מאַלינע. דאַן האָבן האוז און גאָלדשטיין, מיט בלויזע הענט

זיך געוואָרפֿן אויף די ס.ס.־לייט. די איבעריקע יידן האָבן נאָכגעטאָן זייער ביישפּיל. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַן אומגלייכער געראַנגל פֿון 20 אומבאַוואָפֿנטע יידן מיט אַ באַנדע שווער־באַוואָפֿנטע ס.ס.־לייט. אַלע יידן זיינען אומגעקומען. ניט אַלעמענס נעמען זיינען געווען באַקאַנט. געוואוסט האָט מען נאָר די נעמען האוז און גאָלדשטיין. אויף די ווענט פֿון געטאָ האָבן זיך שפּעטער באַוויזן פּלאַקאַטן אין שוואַרצע ראַמען: 'כבוד די קדושים האוז און גאָלדשטיין' און 'כבוד די געפֿאַלענע.'"

געוועלאָזער ווידערשטאַנד איז אויך געווען פֿיל שפּעטער אין ווילנע — בעת דעם ערשטן טראַנספּאָרט פֿון יידן, וואָס די דייטשן האָבן אָנגעהויבן אַרויסשיקן דעם 3טן אויגוסט 1943 קיין עסטאָניע.

ווען אַ גרופּע באַוואָפֿנטע ס.ס.־לייט האָט אָפּגעפֿירט יידישע אַרבעטער צום באַן, וואו עס זיינען געשטאַנען גרייטע וואַגאָנען מיט פֿאַרדראָטעוועטע פֿענצטער, ווי בעת דער אַקציע „קאָווענע־פּאָנאַר", האָבן זיך דערהערט געשרייען: „יידן, לאָזט ניט פֿירן צום טויט! יידן, ראַטעוועט זיך, לויפֿט!"

„ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ קאַמף צווישן אונדז אומבאַוואָפֿנטע", האָט דערציילט איינער פֿון די אַנטלאָפֿענע, „מיט די טויזנטער דייטשן, ליטווינער, לעטן, עסטאָניער. מיר — מיט קולאַקעס; זיי — מיט געווער. זיי האָבן געעפֿנט אַ קאַראַבינען־פֿייער, וועלכער האָט טויט־געלייגט די אַנטלאָפֿענע אויף די רעלסן פֿון באַן, אויפֿן פּלאַץ, אויף די שטעכל־דראָטן, וואָס האָבן אַרומגערינגלט דעם פּלאַץ. פֿון הינטער די וואַגאָנען זיינען מיר אַנטלאָפֿן. מיר ווייסן ניט ווי אַזוי אונדז איז געלונגען צו קומען אין געטאָ"... „300 הרוגים זיינען געבליבן ליגן אויפֿן פּלאַץ. הונדערטער זיינען אַנטלאָפֿן". „די איבעריקע זיינען פֿאַרלאָדן געוואָרן אין די וואַגאָנען. באַן־קאָנדוקטאָרן האָבן שפּעטער דערציילט, אַז ווען די באַן איז פֿאַרבייגעגאַנגען די געדיכטע ווייסרוסישע וועלדער, האָבן פּלוצים אָנגעהויבן זיך אויפֿברעכן אַ ריי וואַגאָנען. יידן זיינען געשפּרונגען פֿון באַן, דייטשע קוילן זיינען זיי נאָכגעלאָפֿן, אַ טייל איז אָבער געלונגען צו אַנטלויפֿן אין וואַלד"[7]).

דער פּאַרטיזאַנער חיים לאַזאַר גיט צו, אַז דער דערמאָנטער, געוועלאָזער קאַמף האָט אויך געגעבן דעם געטאָ דאָס געפֿיל פֿון אַ „נצחון". אין זיין בוך „חורבן ומרד", (זז' 144־145) דערציילט ער:

„בלויז אַ מיעוט איז געכאַפּט געוואָרן און געבראַכט געוואָרן דורך די דייטשן אין די וואַגאָנען. די וואָס האָבן מצליח געווען אַנצוקומען אין געטאָ, האָט די יידישע פּאָליציי פֿאַרהאַלט און די געשטאַפּאָ האָטן געשיקט מאַשינעס צו נעמען זיי. די אַרעסטאַנטן און זייערע קרובים האָבן מרעיש עולם געווען. די יידן האָבן פֿאַרגעזעצט דעם ווידערשטאַנד און איינער פֿון זיי, בערקע קאַסאַי, האָט מיט אַ פֿלאַש פֿאַרוואונדעט 2 עסטאָנער און איז אַנטלאָפֿן מיט צענדליקער אַנדערע. צום סוף זיינען איבערגעבליבן 200, וואָס מ'האָט איבערגעגעבן דער געשטאַפּאָ".

לאַזאַר גיט ווייטער צו: „אַלע יידן פון געטאָ האָבן יענעם טאָג געפילט דעם טעם פון ׳נצחון׳ איבער די דייטשן. דאָס איז געווען דעם ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פון ׳אַקציעס׳ אַז יידן האָבן זיך קעגנגעשטעלט מאַסנהאַפט. צוזאַמען מיט שטאָלץ איז אָבער אויך געקומען דעפּרעסיע. איצט איז קלאָר — שרייבט ווייטער לאַזאַר — אַז עס איז ניטאָ קיין בעסערע האָפענונג אויף מאָרגן. די דייטשן באַנייען די פאַרניכטונג און דאָסמאָל וועלן זיי זיכער ניט רוען ביז עס וועט ניט איבערבלייבן קיין שריד״.

ווידערשטאַנד אַן געווער אין ווילנער געגנט

ווידערשטאַנד אַן געווער איז אויך געווען אין אַנדערע שטעט פון ווילנער געגנט און ווייט מחוץ איר. פאַלן פון אַזאַ ווידערשטאַנד קאָן מען בכלל פאַר־רעגיסטרירן איבער גאַנץ פוילן.

דעם 8טן מאַי 1942 ווען די דייטשן האָבן געפירט זייער „אַקציע״ אין ל י ד ע, האָבן „ביי די גריבער פּלוצים אַלע אָנגעהויבן שרייען״, דערציילט דער לעבן־געבליבענער זכריה יוטאַן, אין ש. קאַטשערגינסקיס בוך „חורבן ווילנע״[8]. „די געשטאַפּאָ־לייט און די ווייסרוסישע פּאָליציאַנטן זיינען מבולבל געוואָרן און האָבן אָנגעהויבן שלאָגן די יידן מיט די קאָלבעס פון זייערע ביקסן.

„פּלוצים האָט אָנגעהויבן האָגלען מיט שטיינער איבער די קעפּ פון די מערדער. עס איז אַנטשטאַנען אַן אומבאַשרייבלעכע מהומה. די רוצחים האָבן אָנגעהויבן שיסן. די יידן האָבן זיך געוואָרפן אויף דער ערד. עמעצער האָט גענומען שרייען: ׳יידן, ראַטעוועט זיך!׳ ״

„אייניקע טויזנט איבערגעבליבענע האָבן גענומען לויפן אין דער ריכ־טונג פון נאָענטן וואַלד און זיינען געפאַלן ווי פליגן״. יוטאַן האָט שפּעטער געטראָפן אין וואַלד פיל יידן, ס׳רוב יונגע, וואָס האָבן אין שכנותדיקע פוילישע ישובים באַקומען שפּייז און הילף. פון 6,000 יידן זיינען אין לידע איבערגעבליבן נאָר 1500. ביי 120 האָבן זיך געראַטעוועט.

אַזאַ ווידערשטאַנד איז אויך געווען אין שטעטל מ י א ר, דער לעבן־געבליבענער א. בונקאַוויץ דערציילט אין קאַטשערגינסקיס בוך „חורבן ווילנע״[9], אַז דעם 1טן יוני 1942 האָט מען אַ טייל פון די 800 יידן פאַרשפּאַרט אין די קלייטן, און די צווייטע אָוועקגעפירט הינטערן שטעטל צו די גריבער. ווען די דייטשן האָבן געהייסן דעם הויפט פון יידנראַט, סאַסנאָוויק, אויסצוטאָן זיך, האָבן זיך די יידן געוואָרפן אויף די דייטשן, זיי געשטיקט און געשלאָגן. דער ייד שקאָלניק האָט אַרויסגעריסן אַ רעוואָלווער ביי אַ דייטש. די דייטשן זיינען צעטומלט געוואָרן און 200 יידן האָבן באַוויזן צו אַנטלויפן אין די וועלדער.

אויך די צווייטע גרופּע, זעענדיק אַז מען מען פירט זי צום טויט, האָט זיך געוואָרפן אויף די דייטשן מיט אַ געשריי „הוראַ!" געוואָרן זיינען עס 400 יידן אויף 200 באַוואָפנטע דייטשן. בלויז 50 יידן האָבן באַוויזן דורכברעכן די קייט און אַנטלויפן אין די קאָזיאַנער וועלדער, וואו עס האָבן זיך צונויפ־געזאַמלט 100 יידן, וואָס זיינען צוגעשטאַנען צו די פּאַרטיזאַנער.

„אין מיטן חודש מאַי 1942", דערציילט ד"ר מ. דוואָזשעצקי, „איז געקומען קיין בעזדאַן אַ פּליט פון דער שחיטה אין נ י ע מ ע נ ט ש י ן (17 קלמ. פון ווילנע)... די פּויערים האָבן דערציילט, אַז די נעמענטשינער יידן האָבן געשטעלט אַ ווידערשטאַנד און אַז יידישע פרוי האָט אַרויסגעריסן אַ קאַראַבין פון אַ ליטווישן שיסער און צעשפּאָלטן אים דעם קאָפּ[10]).

ווידערשטאַנד אָן געווער אין ווייסרוסלאַנד

ס'איז כדאַי צוצוגעבן, אַז ווידערשטאַנד מיט קאַלטן און אָן געווער, איז אויך פּאַראויסגעזען און ג ע פּ ל א נ ט געוואָרן דורך די ווידערשטענדלער.

דער רעגולאַמין פון דער פ.פ.אָ. אין ווילנער געטאָ, אָנגענומען אין מערץ 1943, שרייבט אין די פּונקטן 53־51:

„קעמפן אויך דאַן, ווען מען באַזיצט ניט קיין הייס געווער. שלאָגן מיט קאַלט געווער. קעמפן מיט העק, לאָפּאַטעס, שטעקנס, דרעגנער, שטיינער, צינד־מאַטעריאַל" און צום סוף: „ק ע מ פ ן א ו י ך אָ ן ג ע װ ע ר" [פּ. 53] (אונטערגעשטראָכן דורך אונדז).

היות הייס געווער איז געווען בכלל ווייט ניט גענוג, חזרט דער רעגו־לאַמין ווייטער איבער אין פּונקט 75, אַז „די פּאָר וועמען עס וועט ניט זיין גענוגנד הייס געווער, דאַרפן גלייך צוטרעטן צו שאַפן העק, דרענגער, אייזערנע שטאַבעס, מעסערס, לאָפּאַטעס א. אַ. וו.[15]).

אויך דער סטאַטוט פון יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע אין וואַרשע, סוף 1942, רעדט וועגן קאַמף מיט קאַלט געווער. איינס פּונקט פון סטאַטוט וועגן באַוואָפנונג ווערט געזאָגט: „ווי געווער ווערן אַריינגערעכנט: הייס געווער, העק, מעסערס, קאַסטעטן, ברען־שטאָף און אַנדערע".

די לעבן־געבליבענע געניע סילקעס פון וואַרשע דערציילט, אַז די זעלבע פּרימיטיווע קאַמף־מיטלען זיינען געווען אויך אין די אָרעמע בונקערס אין וואַרשע:

„די דאָזיקע אָרעמע באַהעלטענישן האָבן נישט פּאַרמאָגט קיין גענוגנדיקע שפּייז־וואַפן, נישט קיין וואַסער און נישט קיין ליכט...

„אויך איז דאָס געווער אין אַזעלכע בונקערס געווען זייער פּרימיטיוו. אין דעם רוב פאַלן זיינען די „וואָפן" באַשטאַנען פון העק, מעסערס, טעפּ, כל המינים שטוב־כלים און פון שטיינער"[16]).

דער ווידערשטאַנד אין ווילנער געגנט

יידישע פּאַרטיזאַנער פון גלובאָק און אומגעגנט אין אָטריאַד א.נ. פון ל. קאַגאַנאָוויטש

די שחיטות אין דער ערשטער העלפט 1942 אין ווייסרוסלאַנד האָבן אַרומגענומען אויך דאַלהינאָוו, שאַרקאָוושציזנע, בראַסלאַוו, הערמאַנאָוויטש, דרויע, מיאָר, לושקי, האַלוביטש, פּליססע, יאָדי א.אַנד. פון ווילנער וואיעוודשאַפט. פיל יידן זיינען דאַן אַנטלאָפן און זיך געוואַלגערט אין די וועלדער. אין יענער צייט האָבן זיך שוין אָבער אויך גענומען וויזן פּאַרטיזאַנער, וואָס האָבן געגוג געשטערט די דייטשן. די דייטשן האָט ניט געלוינט, אַז די יידן זאָלן זיך וואַלגערן אין וואַלד און זיי האָבן באַפוילן אַלעמען צו קומען קיין גלובאַק, פאַרזיכערנדיק אַז מ׳וועט קיינעם ניט מאָרדן. לעדערמאַן, דער יידן־עלטסטער, האָט אַרויסגעשיקט שליחים, כדי צו זוכן די בּידחים אין די וועלדער, פעלדער, בלאָטעס, א.ד.גל. גלובאָקער געטאָ איז געוואָרן אַ מין קאָנצענטראַציע־לאַגער פאַר אַרומיקע יידן.

דער קלאַנג וועגן דער „אַמנעסטיע״, הגם פיל האָבן אים געהאַלטן פאַר אַ שפּיצל מצד די דייטשן, האָט צוגעצויגן קיין גלובאָק יידן אויך פון וואָראָפּאַיווע, פאַרפּיאַנעווע, סווענציאַן, פּאַדבראָדזי. געקומען זענען אויך פּליטים פון ווייטע און גרעסערע שטעט, ווי: דווינסק, קאָוונע, בריסק, גראָדנע, ביאַליסטאָק, סעמיאַטיטש, באַראַנאָוויטש — פיל מיט געשוואָלענע פיס, אַנדערע פאַרוואונדעט פון קוילן, אַלע אָפּגעריסן, פאַרשוואַרצט, פאַרוואָקסן. אויף פויערישע פורן האָבן די דייטשן געבראַכט אויך די יידן פון די שטעטלעך קאָזיאַן און ניי־פּאַהאַסט. אַזוי איז גלובאַק געוואָרן אַ זאַמל־פּונקט פאַר יידן פון 42 ישובים. דער הונגער און דער שרעק פאַרן פויער אין וואַלד האָט איבערגעוואויגן און אויך די סקעפּטיקער זיינען — ווי די ברידער ראַיאַק שרייבן — „ווידער אַוועק אין דייטשן קאַסטן״. אין גלובאָק זיינען דאַן געווען 4,000 יידן.

אין פרילינג 1942 האָבן געוויסע גרופּעס יוגנטלעכע אָנגעהויבן זוכן וועגן ווי אַזוי איינשאַפן זיך געווער און אַוועקגיין אין וואַלד, — שרייבן די לעבן־געבליבענע מיכאל און צבי ראיאק אינעם קאַפּיטל „די ערשטע פּאַרטיזאַנער פון גלובאָק״.[106] אַ האַדוצישקער ייד, ר. יאַכעלסאָן, האָט זיך באַמיט אַריינבאַקומען אויף אַרבעט אין דער דייטשער זשאַנאַרמעריע, פון וואַנען ער האָט געשלעפּט געווער. ער פלעגט דאָס געווער שיקן צום פּאַרטיזאַנער־

אַטריאַד „מסטיטיעל" (נקמה־נעמער) און איז שפּעטער דערשאָסן געוואָרן דורך זשאַנדאַרן.

צום זעלבן אַטריאַד האָט איבערגעשיקט געווער אויך י. פרידמאַן, וואָס פלעגט, אַנגעטון אַלס פּויער, אַרומפאָרן איבער דערפער און באַקומען געווער דאָרטן. אין האַרבסט 1942 האָט ער אַליין זיך אָנגעשלאָסן אָן דעם אַטריאַד און האָט זיך אויסגעצייכנט אין די קאַמפן, ביזן אָנקומען פון דער סאָוועטישער אַרמיי. אויך משה בערקונס אײדעם האָט געהאַט פאַרדינסטן אין באַזאָרגן די פּאַרטיזאַנער מיט אויפגעקויפטע ביקסן, גראַנאַטן, רעוואָלווערן, וואָס ער פלעגט פון וואַלד איבערשיקן צו זיי. ער האָט פאַר דעם באַצאָלט מ'טן לעבן. געווען דאַן אויך פאַלן פון אינדיווידועלער נקמה פון יידן קעגן דייטשן.

דער פּאַרטיזאַנער ה. קמחי, פּליט פון סעמיאַטיטש, דערציילט אין זיינע זיכרונות[107]) וועגן קלאַנגען, אַז די פּאַרטיזאַנער נעמען צו די קליידער און וואָפן און שיסן אַפילו יידן. קמחי האָט זיך פאַרבונדן מיט פּליטים אין גלובאָקע און מיט די ברידער בערקון, וואָס האָבן געקענט דעם געוו. סאָוועטישן לייטע־נאַנט מולקע שווידלער, וואָס האָט זיך אויסבאַהאַלטן אין אַ „מאַלינע". דאָרטן איז פאָרגעקומען די ערשטע אונטערערדישע באַראַטונג. די גרופּע, אין דער צאָל פון 21 מאַן, האָט אויסגעבויט אַן אייגענע מאַלינע, וואו מען האָט באַ־האַלטן געווער. שלומקע מאַליאַטער וואָס האָט געאַרבעט ביים דייטשן געּ־ביטס־קאָמיסאַר, פלעגט אַרויסגנבענען בלאַנקע פּאַספּאָרטן, פאַרקויפן צו יידן, וואָס פלעגן פאַר זיך אויסשטעלן גויאישע פּאַספּאָרטן און פאַר געלט און גאָלד געקויפט געווער ביי פּויערים. די יוגנט האָט געגומען גיין אין וואַלד. ווען עס זענען אויך אָוועק די זין פון יידן־עלטסטן לעדערמאַן, — דערציילן די ראַי־אָקס — האָט ער באַוויזן אומקערן זיי מיט דער הילף פון שליחים, און זיי זיינען אָפּגעקומען בלויז מיט שמיץ בפני עם ועדה. דער נייער געביטס־קאָ־מיסאַר, וואָס איז געווען מילדער פאַרן פריערדיקן און געגומען כאַבאַר, האָט געוואָרנט, אַז שפּעטער וועט ליידן אויך דאָס גאַנצע געטאָ. אַ גאַנצע נאַכט זיינען נאָכדעם יידן אַרומגעגאַנגען אַרום צום פון אינעווייניק בעת דייטשן ה'אָבן געהיט פון דרויסן. דאָס געטאָ איז, אַלזאָ, געוואָרן הערמעטיש אָפּגעשלאָסן.

קמחי דערציילט, אַז הרב כ"ץ, צו וועמען עס זיינען דערגאַנגען קלאַנגען וועגן אונטערערדישער טעטיקייט, האָט אַריינגערופן קמחין און געבעטשט אים פאַר זיין אַרבעט. 5 טעג נאָכדעם איז ער אומגעקומען, צוזאַמען מיט נאָך 2,500 יידן, בעת דער שחיטה פון דעם 19טן יולי 1942. פון קמחיס גרופּע האָט קיינער ניט געליטן, ווייל זיי האָבן זיך ניט צוגעשטעלט צום געפאָדערטן פּלאַץ.

די ערשטע גרופּע איז אַרויס פון גלובאָק אויף מאָרגן נאָך דער שחיטה. צווישן זיי איז אויך געווען איטשקע בלאַט, „דער לייב פון וואַלד", וואָס איז דערנאָך געוואָרן שעף פון דער „ראַזוועדקע" (אויסשפּירער) אין טשאַפּאַיעוו־

אַטריאַד, אויך באַרקע שאַפּיראָ, אַ דיסנער מיידל כאַסיע א.אַנד. „טראָץ די גרויסע סכנות, האָבן אייניקע יידישע גרופּן זיך אַרויסגעריסן פון גלובאָק אין וואַלד אַריין. צו דעם האָט מען באַדאַרפט האָבן אומבאַגרענעצטע גבורה און העלדישקייט", — באַמערקן די ראַיאַקס ווייל אויך מחוץ געטאָ האָט געדראָט אַ סכנה פון די דייטשן און אַרומיקע פּויערים.

דעם 27סטן יולי האָט די גרופּע געהאַט אַ צוזאַמענשטויס מיט פּאָליציי, אָבער ס'איז זי געלונגען צו פאַרטרייבן. זיי האָבן פאַרלאָרן 6 מאַן. איינער פון זיי איז פאַרוואונדעט געוואָרן.

די באַזע פון די יידן איז געווען אין לושקיער וואַלד, וואו זיי האָבן געטראָפן נאָך 2 יידן מיט געווער. דער פּרוואו צוויי מאָל צו אַרויסבאַקומען קעמפער פון גלובאָקער געטאָ איז ניט געלונגען. מען האָט דאַן דאָרטן דערציילט אין נאָמען פון געביטס־קאָמיסאַר, וועגן עפּעס אַן „אייזערנעם בריוו פון היטלערן", אַז דאָס געטאָ וועט ווייטער בלייבן.

דעם 31סטן יולי בעת אַ צוזאַמענשטויס מיט 16 דייטשן, האָבן זיי דורך אַ טריק געבראַכט צו דעם, אַז 6 זענען געפאַלן און די איבעריקע אַנטלאָפן. 2 יידן זיינען פאַרוואונדעט געוואָרן. אין די ווייטערדיקע קאַמפן זיינען געפאַלן שווידלער, ש. מאַליאַטער און חיים קולזלינער. די דייטשן האָבן גענומען מאַכן אויף זיי אָבלאַוועס מיט 250־200 סאָלדאַטן. זייער „גאַיד", אַ באַקאַנטער פּוילישער וואַלד־וועכטער ראַדזישעווסקי, פלעגט אָבער פירן די דייטשן אין אַ פאַרקערטער ריכטונג. די יידן האָבן געזען, אַז די לאַגע ווערט ערגער און זיך צעטיילט אויף 2 גרופּן, כדי שנעלער דערגרייכן די פּאַרטיזאַנער. קמחיס גרופּע פון 11 מאַן איז שפּעטער אַריין אין קאַמלאָווס אָטריאַד פון פּרודניקאָווס, שפּעטער מאַראָזאָווס בריגאַדע, פּאָפּולער א.נ. „מאַראָזאָווצעס". ער און נ. בערקון זיינען אַריין אין אַ דיווערסיע־גרופּע און האָבן אין משך פון 2 יאָר זיך באַטייליקט אין דורכפירן 24 סאַבאָטאַזש־אַקטן. „אויף מיין חשבון זיינען פאַרשריבן געוואָרן 82 דערהרגעטע דייטשן". ער איז 4 מאָל געוואָרן פאַרוואונדעט, איין מאָל גאַנץ ערנסט.

מיכאל ראַיאַק האָט זיך מיט גרויסע ניסים אַרויסגעראַטעוועט בעת דער ענדגילטיקער, שרעקלעכער ליקווידאַציע פון געטאָ, דעם 20סטן אויגוסט 1943. ראַיאַקן איז געלונגען נאָך אַ לאַנגער וואַנדערונג צו דערגרייכן אין דאָרף מיסוני צו פּאַרטיזאַנער, וואָס זיינען דאָרטן אַראָפּגעלאָזן געוואָרן אויף ערּאָפּלאַנען פון מאָסקווע. ער האָט דאָרטן געפונען נאָך לאַנדסלייט און האָט זיך פאַראייניקט מיט זיין ברודער צבי. זיי בײדע רעכענען אויס ביי די נעמען אַ ריי גלובאָקער, וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין פאַרשיידענע אָפּעראַציעס. פון גלובאָק זיינען אַוועק אַ 200 יידן.

דער קאָמבריג כאַמטשענקאָ פון דער פּאַרטיזאַנער־בריגאַדע „סואוואָראָוו" האָט פון די אַנטלאָפענע פון גלובאָק אָרגאַניזירט דעם יידישן „קאַגאַנאָוויטש"־אָטריאַד, בראָש מיט דוד פינטשאָוו פון שאַרקאָווטשיזנע.

אין „קאַגאַנאָוויטש״־אָטריאַד זיינען אַריין אַנטלאָפֿענע יידן אויך פֿון דרויע, מיאָר, שאַרקאָווטשיזנע א.אַנד. וואָס האָבן זיך פֿריער געוואַלגערט אויף די מאַך־בלאָטעס פֿון דאָזיקן ראַיאָן פֿון ווילנער געגנט. קאָמאַנדיר פֿון אָטריאַד דוד פּינטשאָוו, קאָמיסאַר שלמה צימער מוסין פֿון דרויע, האָבן זיך אויסגעצייכנט ביים אָרגאַניזירן דעם דאָזיקן יידישן אָטריאַד אין דער פּאַרטיזאַנער־בריגאַדע פֿון מאַיאָר כאַמטשענקאָ, וואָס האָט בכלל אַרויסגעוויזן אַ גוטע באַציאונג צו יידן.

ווידערשטאַנד אין שאַרקאָוושציזנע און דרויע

אין געטאָ פֿון שטעטל שאַרקאָוושציזנע זיינען סוף 1942 פֿאַרטריבן געוואָרן אויך יידן פֿון אַרומיקע ישובים, ווי הערמאַנאָוויטש, נאָווי פּאָהאָסט, יאָדי א.אַנד. דאָרטן האָט זיך אויך אָרגאַניזירט אַן אונטערערדישע גרופּע, בראש מיט דוד פּינטשאָוו, חיים ערליך, שלמה צימער א.אַנד., וואָס האָט זיך איינגעשאַפֿן אַ ביסל געווער און אויך געהאַלטן וואַך פֿאַר די דראָט־פֿאַרצוימונגען, כדי באַצייטנס צו וואָרענען פֿאַר דער געפֿאַר פֿון דער דראָענדער ליקווידאַציע.

וועגן ווידערשטאַנד אין שאַרקאָוושציזנע דערציילט ח. ערליך:[108] דעם 18טן יוני 1943, ווען די וואַך האָט באַמערקט, אַז פּאָליציאַנטן הייבן אָן אַרומרינגלען דאָס געטאָ, האָט מען אַלאַרמירט די יידן; פֿון די 1800 איינוואוינער פֿון געטאָ, זיינען אַנטלאָפֿן טויזנט. די פּאָליציאַנטן האָבן זיך אַריינגעריסן אין געטאָ און אויסגעמאָרדעט די איבערגעבליבענע, ס׳רוב זקנים און קראַנקע. פֿון די אַנטלאָפֿענע זיינען 200 געכאַפּט און פֿאַרפֿייניקט געוואָרן דורך פּויערים. די איבעריקע האָבן הונגעריקע אַרומגעבלאָנקעט אין די וועלדער.

ווען וויטוויצקי, פּאַרטרעטער פֿון דייטשן געביטס־קאָמיסאַר אין גלובאָק, האָט דערלויבט די יידן אַריינקומען צוריק אין גלובאָקער געטאָ, זיינען 500 אַוועק אַהין און זיינען אומגעקומען אין דער „גרויסער שחיטה״ פֿון אויגוסט 1943. צווישן די 200 יידן, וואָס איז דאַן געלונגען אַנטלויפֿן פֿון געטאָ און אָנשליסן זיך אָן פּאַרטיזאַנער, איז אויך געווען דוד פּינטשאָוו און אַנדערע פֿון דער שאַרקאָוושציזנער יוגנט. פּינטשאָוו האָט עס שפּעטער אָנגעפֿירט מיטן יידישן אָטריאַד א.נ. פֿון ל. מ. קאַגאַנאָוויטש.

וועגן ווידערשטאַנד פֿון די יידן אין ד ר ו י ע, ווערט אויך דערציילט אין „פּנקס שבלי״[109] ווען די דרויער יידן האָבן באַקומען דערשיטערנדע ידיעות וועגן אומקום פֿון יידן אין אומגעגנט האָבן זיי געשאַפֿן אַ שוץ און אַוועקגעשטעלט וואַכן אויף דער צווייטער זייט פֿון בריק. ווען די נאַצי תליינים האָבן זיך גענומען דערנענטערן צו דער בריק, האָבן די יידן

אַריינגעוואָרפן דעם וואַכמאַן, וואָס האָט געהיט די בריק אין וואַסער, און די בריק אונטערגעצונדן, פאַרשטעלנדיק אַזוי אַרום דעם וועג די דייטשע מאַשינען. די יידן האָבן אויך אונטערגעצונדן דעם געטאָ און בעת דער מהומה אַנטלאָפן. „פּנקס שבלי" דערמאָנט אויך וועגן ווידערשטאַנד אין די שטעטלעך שאַרקאָוושטשיזנע און קאָדיאַ.

מוסין, געוו. לערער פון דער יידישער שולע אין דרויע, איז אַנטלאָפן פון שטעטל בעת דער שחיטה אין יולי 1942, צוזאַמען מיט אַ גרופּע פון 70־80 מאַן. ער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין העלדישקייט און איז שפּעטער געפאַלן אין די רייען פון „קאַגאַנאָוויטש־אָטריאַד".

דער „קאָמבריג" כאַמטשענקאָ פון דער „סוואָראָוו־בריגאַדע האָט געוואָלט באַפרייען די יידן פון גלובאָקער געטאָ און פּינטשאָוו האָט געשיקט אין געטאָ 2 שליחים כדי צוצוגרייטן די יוגנט צום אויפשטאַנד און אַנטלויפן. איין שליח האָט געבראַכט מיט זיך צוריק 20 יוגנטלעכע און דערציילט, אַז אין גלובאָק זיינען דאָ נאָך 300 מיט געווער, עס דאַרף אָבער נעמען צייט צוגרייטן דעם אויפשטאַנד אין געטאָ. דער צווייטער שליח איז פאַרבליבן אין געטאָ, כדי צו העלפן די פּאַרטיזאַנער פון איגנאַווייניק, ווען זיי וועלן אַטאַקירן פון דרויסן. נאָך דער מפּלה פון די דייטשן אין קרולעוושטשיזנע האָבן זיי אָבער דערשפּירט די סכנה אויך אין גלובאָק און באַשלאָסן צו פאַרשנעלערן דעם סוף פון די יידן אין געטאָ. אַ טייל יוגנט איז אָבער מיט געווער אין האַנט אַוועק אין וואַלד. מיט כאַמטשענקאָס הילף — דערציילן די ראַיאָקס, — זיינען אויך שפּעטער געראַטעוועט געוואָרן יידן.

ווידערשטאַנד אין גלובאָק

ליזע בראַון פון גלובאָק האָט שפּעטער דערציילט, אַז ראַדיאָנאָווס פּאַרטיזאַנער האָבן אַטאַקירט די שטעטלעך דאָקשיץ און קרולעוושטשיזנע, פון וואַנען פיל יידן זיינען צו זיי צוגעשטאַנען. מורא האָבנדיק, אַז דאָס זעלבע זאָל זיך ניט איבערחזרן אויך אין גלובאָק, האָבן די דייטשן פאַראָרדנט דעם וויצע־פאָרזיצער פון יידן־ראַט, יודל בלאָנד, צענויפזאַמלען אַלעמען, כלומרשט פאַר דעפּאָרטאַציע קיין לובלין (אַמוואַרשיינלעכסטן קיין מיידאַנעק). די יידן האָבן זיך ניט געמאָלדן. ווען די דייטשן זיינען אַריין אין אויגוסט 1943 ליקווידירן דאָס געטאָ, זיינען זיי באַוואָרפן געוואָרן מיט גראַנאַטן. בראַון האָט געזען דערהרגעטע ס.ס.־לייט. דייטשן האָבן דעראָבערט יעדע הויז און געוואָרפן גראַנאַטן אין יעדע פענסטער. די יידן האָבן אונטערגעצונדן די הייזער און זיך געלאָזט לויפן פון געטאָ. עס זיינען דאָן אויך אומגעקומען בראַונס עלטערן.

די בראַון אַליין, צוזאַמען מיט איר ברודער, זיינען אַרויס פון געטאָ, ווען

דער פּאַרקאַן אַרום אים האָט אויסגעברענט. זיי זיינען אַוועק אין וואַלד, צו פּאַרטיזאַנער.[111]

דער „קאַגאַנאָוויטש"־אָטריאַד האָט באַוויזן צו קריגן געווער און האָט דורכגעפירט אָנפאַלן אויף דער פּאָליציי און אויף דייטשן. דער אָטריאַד האָט עקזיסטירט ניט לאַנג.

***

אין זומער 1943 האָט קמחיס גרופּע פון 30 מאַן פאַרנומען דאָס שטעטל לושקי. די 20 פּאָליציאַנטן און דייטשן זיינען זיך צעלאָפן. אין אַ ווינקל האָבן פּאַליאַקן זיי געפירט באַוויזן יידן פון לובלינער געטאָ וועמען דער דערמאָנטער פּאַלקאָווניק ראַדיאַנאָוו, וואָס האָט מיט 3,000 רוסן געקעמפט אויף דער דייטשער זייט, און איז שפּעטער אַריבער צו די פּאַרטיזאַנער, האָט איבערגע־לאָזט אויף הפקר, נאָכדעם ווי ער האָט זיי פריער אַרויסגענומען פון לובלינער געטאָ, אַלס פּאַכלייט.

דערזעלבער ראַדיאַנאָוו איז שפּעטער באַפאַלן די 150־200 דייטשן, וואָס זיינען אָנגעקומען קיין קרולעוושציזנע און געמאַכט פון זיי אַ תל. נאָכן ניצחון האָבן זיך די ראַדיאַנאָווצעס צוריקגעצויגן אין די וועלדער און אַריינגענומען קרולעוושציזנער יידן, דערונטער אויך גלובאָקער פּאַרטיזאַנער.

ווי קאַגאַנאָוויטש דערציילט איז פּולק. ראַדיאַנאָוו, בעתן צוריקטריט פון דער רויטער אַרמיי, אַריינגעפאַלן אין אַרומרינגלונג אין יוני 1941 און זיך פרייוויליק איבערגעגעבן אין געפאַנגענשאַפט אונטער מינסק, צוזאַמען מיט דער גאַנצער דיוויזיע. די דייטשן האָבן אים אָנגעטרויט די דיוויזיע און געגעבן דעם ראַנג פון גענעראַל. ער האָט דאַן צושטעלט זיינע גאַרניזאָנען אין די שטעטלעך פון מאַלאָדעטשנער ראַיאָן, דאָקשיץ, גלובאָק, דאָלהינאָוו א.אַנד., און פון דאָרטן אָנגעגריפן די פּאַרטיזאַנער און פאַרשאַפט זיי גרויסע פאַרלוסטן. ראַדיאַנאָוו האָט אויך געוואָלט אָנגרייפן די פּאַרטיזאַנער־ברי־גאַדע פון זשעלעזניאַקן, וואָס האָט ביי וועליקאַיע סעלא געהאַט אַפילו אַן עראָדראָם. ער האָט אָבער פּלוצים געמאָלדן זשעלעזניאַקן, אַז ער וויל אַריבער־גייען צו די פּאַרטיזאַנער און קעמפן מיט זיי קעגן די דייטשן. נאָך אַ פאַר־שטענדיקונג מיט מאָסקווע, האָבן די פּאַרטיזאַנער מסכים געווען, בתנאי, אַז ראַדיאַנאָוו זאָל אַטאַקירן די דייטשע גאַרניזאָנען אין דאָקשיץ, דאָלהינאָוו און קרולעוושציזנע. נאָכן אויספירן די פּאָדערונג, איז ראַדיאַנאָוו אָנגענומען געוואָרן צו די פּאַרטיזאַנער.

די דייטשן האָבן דאַן געוואָרפן קעגן זיי „וולאַסאָווצעס". ראַדיאַנאָוו איז געפאַלן 6 וואָכן פאַר דער באַפרייאונג. דאַן איז אויך אומגעקומען דער פּאַרטיזאַנער־פירער זשעלעזשניאַק.[110]

פון אָנפאַנג 1944 זיינען די פּאַרטיזאַנער, וואו קמחי איז געווען, אַריבער אין אַ געגנט צווישן באַראַנאָוויטש און מינסק. זיי האָבן דאַן געזען אַנטיסעמי־טיזם אויך צווישן די דאָרטיקע סאָוועטישע פּאַרטיזאַנער. עס איז צוליב דעם

געקומען אַמאָל צו אַ געריכט פאַר קאָמאַנדיר קאָמלאָוו, וואָס „איז געווען פריינדלעך צו יידן".

ווען עס איז שפּעטער געפאַלן דער ייד שאַמקע לקח פון דיסנע צוזאַמען מיט נאָך 4 פּאַרטיזאַנער, האָט קאָמלאָוו געהייסן קמחין מיטפאָרן צו זייער אַלגעמיינער קבורה, ווייל „זיי קענען נאָך דעם יידן אַראָפּוואַרפן פון וואָגן".

***

נאָכן קריג האָט הרב שלמה בעגין פון שיקאַגאָ דערציילט אין זיין אַרטיקל „חורבן גלובאָק", אַז ער האָט באַקומען פון גלובאָקער פּאַרטיזאַנער, מיכאל אדזוענסקי, אַ רשימה מיט 187 נעמען פון גלובאָקער פּאַרטיזאַנער, בחורים און מיידלעך, וואָס זיינען נאָך דער באַפרייאונג צוריקגעקומען אין דער חרובער גלובאָק,[111א] וואַרשיינלעך, נעמט די רשימה אַרום אויך פּאַרטיזאַנער פון אַרום גלובאָק.

פּאַרטיזאַנער־אַטאַקעס אויף האַראַדאָק

לויט דער איניציאַטיוו פון די יידישע פּאַרטיזאַנער, וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין אַלגעמיינע פּאַרטיזאַנער־פאַראייניקונגען, האָבן די לעצטע דורכגעפירט אַטאַקעס אויף שטעטלעך וואו עס זיינען געווען געטאָס, מיטן ציל אַרויסצונעמען פון דאָרטן די יידן און צו באַשטראָפן די דייטשע הערשער און זייערע מיטהעלפער.

ווענן אַזאַ מין אַטאַקע אויפן שטעטל ה אַ ר אָ ד אָ ק לעבן קראַסנע אין ווילנער געגנט, דערציילט משה מאירסאָן[112]

מאירסאָן אַליין האָט זיך געפונען אין שטעטל קראַסנע (קראַסנאָיע), וואו עס האָבן זיך צונויפגעזאַמלט לעבנגעבליבענע פון די שחיטות אין וואָלאָזשין, איוויע, ראַדון און האַראַדאָק — ס"ה 8,000 יידן — העלפט פון זיי אין געטאָ און די צווייטע העלפט אין אַן אַרבעטס־לאַגער. קאָמענדאַנט איבער זיי אַלעמען איז געווען דער געשטאַפּאָ־מאַן קונדי. די יידן אין קראַסנע האָבן געאַרבעט אין געווער־סקלאַדן ביים אויסלאָדן און אויפלאָדן אַמוניציע, ווי אויך איז זעגערייען, אויף דער אייזנבאַן־ליניע און ביי אַנדערע שווערע אַרבעטן.

ווען עס זיינען אָנגעקומען די איוב־בשורות פון די אַרומיקע שטעטלעך, האָט די מערהייט יוגענטלעכע אין געטאָ געצומען זאַמלען געווער וואָס מ'האָט געגנבעט פון די סקלאַדעס. די ערשטע צען זיינען אַנטלאָפן אין וואַלד, בראש מיט חנן עלטערמאַן. שפּעטער זיינען צו זיי צוגעקומען נאָך זעקס. די גרופּע האָט אָנגעטראָפן אויף אַ פאַרוואונדעטן פּאַרטיזאַנער־קאָמאַנדיר גריבאַנאָוו, און האָט אים אַריבערגעפירט אינעם וואַלד וואו עס איז געשטאַנען זיין בריגאַדע. שפּעטער האָבן זיי צוגערעדט דעם קאָמאַנדיר צו גיין אויף האַראַדאָק. די אַטאַקע אויף האַראַדאָק איז פאָרגעקומען סוף הארבסט 1942. אַטאַקירט דאָס שטעטל האָט אַן אָפּטייל פון 300 מאַן. די אַטאַקע האָט געדויערט 8 שעה.

זיי האָבן אָבער געמוזט זיך צוריקציען, מיטנעמענדיק די געפֿאַלענע און פֿאַרוואונדעטע, דאַרונטער צוויי געפֿאַלענע יידן.

עלטערמאַן האָט דאַן באַקומען אַ דערלויבעניש צו גיין אין געטאָ פֿון קראַסנע, פֿון וואַנען ער האָט אַרויסגעפֿירט אַ 30 מאַן, וועלכע מען האָט אין געטאָ פֿאַרצייכנט אַלס „געשטאָרבענע". אַ געהיימע אָרגאַניזאַציע האָט ווייטער אַריבערגעפֿירט אין וואַלד געווער און מענטשן. דער יודנראַט האָט געוואָלט שטערן דער אַרבעט און געשיקט 2 פּאָליציאַנטן וואָס האָבן זיך אַריינגעבראָכן אין געהיימען שייער. מ'האָט זיי ביידן צעשלאָגן און פֿאַרטריבן.

די יידישע פּאַרטיזאַנער האָבן ווידער פֿאָרגעשלאָגן אַטאַקירן האָראָדאָק און אין אַ יאַנואַר־נאַכט פֿון 1943 איז די גאַנצע טשקאַלאָוו־בריגאַדע, אין דער צאָל פֿון 3,000 אַוועק אויפֿן שטעטל, מ'האָט איבערגעשניטן די פֿאַרבינדונגען מיט די וואַכן, געשטעלט לויער־פּאָסטנס און אַרומגערינגלט דאָס שטעטל.

עלטערמאַן איז אַריין דער ערשטער און געוואָרפֿן אַ באָמבע אויפֿן פּאָליציי־אַמט. ס'איז אויסגעבראָכן אַ מהומה. די פּאָליציי און די דייטשן האָבן אָנגעהויבן צו לויפֿן פֿון שטעטל. אָנשטויסנדיק זיך אויף די לויער־פּאָסטנס, האָבן זיי געליטן גרויסע פֿאַרלוסטן. ס'זיינען אויך געפֿאַלן צוויי יידן. די פּאַרטיזאַנער האָבן אַרויסגעפֿירט בהמות, פֿערד און אַנדערע נויטיקע זאַכן און אונטערגעצונדן עטלעכע הייזער. 12 געפֿונענע יידישע פֿאַמיליעס האָט מען פֿאַרגעלייגט אַרויסגיין אין וואַלד. זיי האָבן זיך אָפּגעזאָגט. ווי מ'האָט זיך שפּעטער דערוואוסט, זיינען זיי אַרויסגעפֿירט געוואָרן קיין ראַדאָשקאָוויטש און אומגעקומען בעת דער גרויסער שחיטה 2 טעג שפּעטער.

די ידיעה וועגן דער שחיטה האָט געוואָרפֿן אַ גרויסע אימה אויף די יידן אין קראַסנע. אַ טאָג פֿאַר פּורים תש"ג (מערץ 1943) האָט מאירסאָן פֿאָרגעשלאָגן זיין משפּחה און דער משפּחה געלפֿער פֿון האָראָדאָק אַרויסצוגיין אין וואַלד. מ'האָט זיך אָבער אָפּגעזאָגט. אין אָוונט האָט אַ פּויער אים איינגעלאַדן צו קומען אַרבעטן. פֿאַרטאָג איז ער אַוועק צו דער אַרבעט. דאַן איז ער דערגאַנגען אַז דאָס געטאָ איז אַרומגערינגלט. ער האָט געוואָלט לויפֿן צוריק. איבערגעטאָן אַלס אַ פּויער, האָט מאירסאָן זיך געלאָזט גיין קיין האָראָדאָק. אונטערוועגס האָט ער זיך פֿון אַ פּויער דערוואוסט וועגן דער שחיטה. דורכגעפֿירט אין קראַסנע אונטערן אויסרייד אַז מ'גייט מאַכן טיפֿוס־איינשפּריצונגען. אַזוי זיינען אומגעקומען די 8,000 יידן פֿון קראַסנע. בלויז 8 זיינען אַנטלאָפֿן.

מאירסאָן האָט געטראָפֿן צען יידן פֿון סטאַריצקיס פּאַרטיזאַנער אָפּטיילונג און איז אַריין אין איר. מיט דער הסכמה פֿון איר קאָמאַנדיר זיינען זיי אַוועק אין האָראָדאָק און דער פּאַרטיזאַנער ראָגאָווין האָט דערשאָסן דעם פֿאַרמשפּטן שטאָט־הויפּט פּרודאָכאַ. מיט דער הילף פֿון אַ באַהאַלטענעם געוועזענעם סאָוועטישן סאָלדאַט האָבן זיי אויך אַרויסגעפֿירט 5 וואָגנס מיט

צוגערויבטן דורך די דייטשן ײדישע פאַרמעגן. אויך דער רוס איז אַרײַן אין אָטריאַד.

צוריקקומענדיק אין וואַלד לעבן פּערשײַ, וואו דער אָטריאַד האָט סטאַציאָנירט, האָבן זײ געפונען באַקאַנטע ײדישע פּאַרטיזאַנער. אַלע האָבן געברענט מיט געפיל פון נקמה אַן דעם שונא.

חנן עלטערמאַן איז באַשטימט געוואָרן אַלס הויפּט פון אויסשפּיר־דינסט. ער האָט חוקר ודורש געווען, וואו און ווער עס טוט שלעכטס צו ײדן און מ׳האָט באַלד זיך אָפּגערעכנט מיט די מערדער. די דייטשן האָבן באַשטימט פאַר זײַן קאָפּ 20 טויזנט מאַרק.

עלטערמאַן האָט אויך איבערגעריסן רעלסן, אויפגעריסן בריקן און באַנען, צוזאַמען מיט אַ גרופּע וואו ס׳זיינען געווען די 2 ברידער ראַגאָווין און לידסקי. די דייטשן האָבן אין אויגוסט 1943 אונטערגענומען אַ גרויסע אָבלאַווע, מיט דער הילף פון וואַלד־וועכטער און „וולאַסאָווצעס”. די פּאַרטיזאַנער האָבן זיך דורכגעבראָכן אַ וועג צו אַ מער זיכערן פּלאַץ. דערבײַ זיינען געפאַלן 20 מאַן, דערונטער 6 ײדן.

סוף 1943 האָבן די פּאַרטיזאַנער געמאַכט אַ נײַע אַטאַקע אויף האַראַדאַק, צוגענומען פאַר זיך דאָס גויטיקסטע און דאָס איבעריקע אָוועקגעלאָזן מיטן פייער.

אין מערץ 1944, ווען די סאָוועטישע אַרמיי האָט אָנגעהויבן אַ גרויסע אָפענסיווע, האָבן די דייטשן מאָביליזירט די ווײַסרוסישע יוגנט אין אומגעגנט כדי צו מאַכן אַ נײַע אַבלאַווע אויף די פּאַרטיזאַנער. די פּאַרטיזאַנער האָבן דאַן באַקומען אַ באַפעל זיך מקדים צו זיין און מאָביליזירן די יוגנט פר זיך. ביי 800 מאַן זיינען אַרויס אויספירן דעם באַפעל. זײ זיינען געווען צעטיילט אין 2 גרופּן. איינע בראש מיטן ײד יעקב איידלמאַן. עס איז געקומען צו אַ שלאַכט, וואו אײדעלמאַן האָט באַוויזן גרויס העלדישקייט. די שלאַכט האָט געדויערט 6 שעה און די דייטשן האָבן געמוזט אָפּטרעטן, איבערלאָזנדיק 50 הרוגים און פיל אַמוניציע. דער קאָמאַנדיר האָט געלויבט אײדעלמאַנס גבורה און געזאָגט: „מ׳זאָגט אַז ײדן זיינען פּחדנים. אָבער קוקט און זעט: פאַר אייך שטייט דער גרויסער העלד יעקב אײדעלמאַן, אַ ײד. פון אים לערנט זיך ווי צו קעמפן!”

אײדעלמאַן האָט שפּעטער באַוויזן נאָך מער העלדישקייט, איז באַשאָנקען געוואָרן מיט אַן אויסצייכענונג און האָט אַוואַנסירט אין זײַן ראַנג. דערווייל האָט די סאָוועטישע אָפענסיווע צונישט געמאַכט דעם דייטשן פּלאַן וועגן אַ נײַער אַבלאַווע.

בעתן צוריקטריט פון די דייטשן, האָט עלטערמאַן מיט זײַן אָפּטייל זיך געלאָזט צו שאָסײ איוועניץ־באַקשט און איוויע־לידע און געשטעלט דאָרט וואַכן. זײ האָבן אָנגעטראָפן אויף גרויסע דייטשע כוחות. דער קאָמאַנדיר האָט געהייסן צוריקברענגען דעם פעלנדיקן עלטערמאַן, ווען מ׳האָט גע־

פונען אַ שווער־פּאַרוואונדעטן. בײנאַכט איז ער איבערגעפירט געוואָרן מיט אַן עראָפּלאַן קיין מאָסקווע, וואו ער איז געלעגן אין שפּיטאָל 11 חדשים. שפּעטער איז ער, אַן אָפּגעשוואַכטער און צעבראָכענער, צוריקגעקומען אין האָראָדאָק. ער איז געשטאָרבן אין מינסק.

דעם 13טן יולי זײַנען די פּאַרטיזאַנער אַרײַן אין מינסק. מאַירסאָן מיט נאָך 20 לאַנדסלײַט זײַנען דאַן אַוועק צוריק קיין האָראָדאָק, „צו אונדזערע חורבֿע און פּאַרוויסטע הײַזער".

יידישע פּאַרטיזאַנער פון קוריניעץ און די רעטונג פון יידן אין מיאַדל (ווילנער געגנט)

וועגן יידישע פּאַרטיזאַנער פון קוריניעץ (ווילנער געגנט) און זייער ראָל אין דער רעטונג פון יידן אין מיאַדל, געפינען מיר ידיעות אין „מגילת קוריניץ, עיירה בחייה ובמיתה".

ווי רבקה דודזיק דערציילט אין אירע זכרונות „בצפרני הדורס",[118] האָט זיך אין שטעטל אָרגאַניזירט אַ גרופּע יוגנט, ס׳רוב חברים פון השומר הצעיר, וואָס האָט זיך פאַרבונדן מיט רוסישע קריגס־געפאַנגענע אין די אַרומיקע דערפער. שפּעטער זײַנען זיי אויך צוגעשטאַנען צו די פּאַרטיזאַנער. מען איז דערנאָך אין קוריניעץ דערגאַנגען אַז בעת קאַמפן מיט די דײַטשן איז געפאַלן אליהו זיסקינד. פון די יידישע פּאַרטיזאַנער זײַנען געבליבן לעבן: זלמן גורביץ, נחום אַלפּעראָוויטש און יענקל אַרטשיקס. דער פּאַרטיזאַנער איטשקעלע איינבינדער האָט נאָך זיין טויט זוכה געווען צו אַ ספּעציעלן כּבֿוד.

נאָטע איטשקעס וואָס איז אַנטלאָפן פון קוריניעץ דערציילט אין זיין אַרטיקל „שלוש שנים", אַז אין וואַלד האָבן די אַנטלאָפענע אָנגעטראָפן אַ פּאַרטיזאַנער־אָפּטיילונג פון 400 מאַן מיטן נאָמען „נקמה". דערונטער אויך פיל רייטער, געווען דאָרטן אויך יידן פון מינסק, גלובאָק און קוריניעץ. וועגן די גלובאָקער דערציילן אויך די ברידער ראַיאַק אין זייער אויבנדערמאָנטן ווערק.

אין סעפּטעמבער 1942 איז פון גלובאָק אַוועק צום אָטריאַד „מסטיטעל" (נקמה־נעמער) לעבן דאָרף אוניוער, אין מיאַדלער ראַיאָן אַ גרופּע פון 17. אין געטאָ האָט מען דאַן געמאָלדן אַז מען וועט באַשטראָפן די משפּחות פון די אַוועקגייענדיקע. טראָץ דעם איז אין צוויי חדשים אַרום אַוועק נאָך אַ גרופּע פון 18. די פּאָליצײַ אין גלובאָק האָט דאַן אַרעסטירט אַ פּאָר משפּחות און דערשאָסן 14 מאַן.

אין אָטריאַד „מסטיטעל" האָט זיך אויסגעצייכנט יענקל אַרטשיקס פון קוריניעץ אַלס אויסשפּירער; ער האָט אויך באַקומען אויסצייכענונגען. די

קורינעצער ניאָמע בערמאַן און װעלװל פרידמאַן זײַנען געװען טעטיק אין דער פּאַרטיזאַנער־אַקציע ביים באַפרייען די יידן פון מיאַדלער געטאָ. אין דער אַק־ציע איז אומגעקומען דער קאָמאַנדיר פון אָטריאַד. ער איז דער ערשטער גע־פאַלן אין געפערלעכע פּלעצער, אַלס מוסטער פאַר אַנדערע.

װעגן דער רעטונג פון די מיאַדלער יידן דערציילט גענוי איינע פון די גע־ראַטעװעטע, העניע מענקיס אין איר גבֿיית־עדות.[114] זי שרייבט, אַז פאַר יום־כיפור תש״ב (1942), האָבן „אונדז די פּאַרטיזאַנער צו װיסן געגעבן, אַז עס גרייט זיך אַ גרויסע שחיטה און אַז מיר זאָלן אַנטלויפן אין װאַלד״. פון אַלט־מיאַדל זײַנען דאַן אַנטלאָפן כמעט אַלע יידן, אין דער צאָל פון 300. מען איז אַװעק אין די אומיװערער װעלדער. װער עס האָט געהאַט געװער האָבן די פּאַרטיזאַנער אים אַנגענומען. אויך 2 עלטערע טעכטער פון מענקיס זײַנען אַרײַן אין פּאַרטיזאַנער־אָטריאַד. מענקיס שילדערט װייטער דעם שװערן לעבן פון די אַנטלאָפענע אין װאַלד, אין די זעמליאַנקעס און ביידלעך, דאָס װאַנדערן פון אָרט צו אָרט, די גרויסע פאַרלוסטן א.אַז.װ.

אין דער פּושטשע לעבן קורינעץ האָבן זיך דאַן צונויפגעזאַמלט 300 יידן. צװישן די צונויפגעזאַמלטע זײַנען אויך געװען יידן פון קריװיץ, קאַבילניק א.אַנד. שפּעטער האָבן זיי באַקומען אַ באַפעל צו גיין אויף „װאָסטאָק״ (מזרח). ר. דודזיק און נ. איטקעס שילדערן גענוי דעם מאַרש צו מזרח איבער װעלדער — די פאַרלוסטן, דאָס לעבן פון די פּאַרטיזאַנער אין רוסלאַנד און די באַפרייאונג צום סוף.

דער קורינעצער פּאַרטיזאַנער א. אַלפּעראָװיטש שילדערט אַ שפּעטערדי־קע סצענע פון צוריקקער פון די יידישע פּאַרטיזאַנער אַהיים. אין מאַי 1944 איז זיין אַפּטייל געשטאַנען אין באַבינימש, 30 קלמ. פון גלובאָק, װאָס האָט פריער געהאַט בלויז אַ יידיש באַפעלקערונג. דאָס שטעטל איז געװען פאַרװיסט. אַפילו קיין איין ייד איז ניט איבערגעבליבן. די גויאישע פּאַרטיזאַנער פלעגן ברענגען „שמות״ פון סידורים און גמרא׳ס, טיילן פון טליתים און פלעגן פרעגן: „װאָס איז דאָרט געשריבן?״ אַלפּעראָװיטש האָט דאַן אַנגעפירט מיטן קריגס־טראַנספּאָרט. ער איז אַדורך פיל, ביז ער האָט דערלעבט צום ניצחון.

פּאַרטיזאַנער פון ראַדאָשקאָװיטש

אינעם פּאַרטיזאַנער־אָטריאַד „מסטיטעל״ (נקמה־נעמער) זײַנען אויך אַרײַן 17 יידן, װאָס זײַנען אַנטלאָפן פון שטעטל ראַדאָשקאָװיטש, װאָס ליגט אויף דער געװו. פּוילישער־רוסישער גרענעץ. אינעם אַנטלויפן האָט זיי געהאָלפן דער ערשטער פּאַרטיזאַנער פון שטעטל אליהו זשוקאָװסקי. אין װאַלד האָבן זיי זיך פאַראייניקט מיט נאָך אַנטלאָפענע און געבילדעט אַ גרופּע פון 35 פּאַרטיזאַנער. זיי האָבן זיך באַטייליקט אין צוזאַמענשטויסן מיט דייטשן, אויפגעריסן פיל מאַשינען און באַנען מיט מינעס און געלאָזן פאַלן פיל דייטשן פון זייערע קוילן. 10 יידן האָבן דערביי פאַרלאָרן זייער לעבן.

ברוך שפּעסנוואַל, וואָס ברענגט אָט די ידיעות דערציילט, אַגב, אין „בימי מלחמה ושמד"[115] אַז ווען די פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג איז געוואָרן שטאַרקער, האָבן די דייטשן שווערער געמאַכט זייער האַנט אויף די יידן אין געטאָס. קוים איז געהערט געוואָרן אַ שיסעריי אין שטעטל, פלעגן באַוואָפנטע דייטשן און פּאָליציאַנטן גלייך אַרומרינגלען דאָס געטאָ, פּונקט ווי די סכנה וואָלט געדראָט פון דאָרטן. אַזוי איז אויך געשען ערב יום־כּיפּור תש"ג (1943) ווען די דייטשן האָבן באַהאָגלט דאָס געטאָ אין ראַדאָשקאָוויטש מיט ווילדע שאָסן און שפּעטער געזוכט, צי יידן זיינען פון דאָרטן ניט אַנטלאָפן צו פּאַרטיזאַנער.

וויקטאָר איווינסקי (פּלימעניק פון פירער פון פוילישן „בונד", וו. אַלטער, וואָס איז, כּידוע, דערשאָסן געוואָרן פון די סאָוועטן), איז אָנפאַנג קריג אַנטלאָפן פון פּוילן און געבליבן שטעקן מיט זיין פרוי אין ראַדאשקאָוויטש, אויף דער געוו. גרעניץ פון פּוילן מיט רוסלאַנד. ווען די דייטשן זיינען אין 1941 באַפאַלן רוסלאַנד, האָט ער געפּרוּווט אַנטלויפן ווייטער, נאָר איז געווען געצוואונגען קומען צוריק צוליב זייער שנעלן פאָרמאַרש. באַהערשנדיק גוט דייטש, איז ער געוואָרן אַן עלעקטרישער אַרבעטער אין אַ דייטשן גאַראַזש, וואו ער האָט מיט דער צייט באַוויזן דורכצופירן עטלעכע סאַבאָטאַזש־אַקטן.

דעם 11טן מערץ 1942 האָבן די דייטשן דערשאָסן אַרום 1,000 יידן, צוטויפגעטריבענע אויפן בית־עולם פון ראַדאשקאָוויטש. איווינסקין מיט אַנדערע פאַכלייט האָבן זיי איבערגעלאָזן, דערוואַרבנדיק זיך אַ רעוואָלווער פאַר 60 מאַרק, איז איווינסקי אַוועק אין וואַלד צו די פּאַרטיזאַנער און האָט זיך אויסגעצייכנט ביי זייער אָנפאַל אויף דער פּאָליציי אין שטעטל זאַסלאָוו, וואו ער האָט צוגענומען געווער פאַר די פּאַרטיזאַנער. איווינסקי איז שפּעטער געוואָרן מיטגליד פון זייער שטאַב, וואו ער האָט איינגעאָרדנט אַ געהיימע ראַדי־סטאַנציע און רעדאַקטירט טעגלעכע ביולעטינען. זיין פרוי האָט געאַרבעט אַלס נוירס. ביידע זיינען אומגעקומען סוף יוני 1943 און דווקא פון פּאַרטיזאַנער, ווי עס דערציילט זייער פריינט מנחם.[116]

די פּאַרטיזאַנערין פון ראַדאשקאָוויטש, פּעסיע פּעלצאָוו־בלומשטיין וואָס האָט פאַרלאָרן אין וואַלד איר פאָטער און ייִנגערן ברודער, דערציילט[117] אַז די יידן אין וואַלד האָבן בעת אַן אַבלאַווע מצד די דייטשן (וואָס האָבן פיל געליטן פון די פּאַרטיזאַנער) — אַריבערגעפירט דעם שפּייז־מאַגאַזין און בכלל אַלץ פון פּאַרטיזאַנער־לאַגער אין די וועלדער אַרום פּלעשצעניץ (מזרח־וויסרוסלאַנד), אויף דער צווייטער זייט פון בערעזינאַ־טייך, וואו עס זיינען געווען פיל אַזעלכע זומפּן. די שרייבערין גיט אויך דערביי צו:

„אויף די חוטבי עצים און שואבי מים איז דאַן אַרויפגעלייגט געוואָרן די זאָרג פאַר דורכפירן דעם דאָזיקן שווערן טראַנספּאָרט און וואַרטן ביז די געפאַר וועט דורכגיין". דער רמז וועגן די „האָלץ־העקער און וואַסער־שעפּער" האָט, זיכער, אַ שייכות צו די ווירטשאַפטלעכע פונקציעס וואָס די יידן

וואָס האָבן ניט געהאַט קיין געווער, האָבן אויסגעפירט אינעם פּאַרטיזאַנער־אָטריאַד. ווי מיר זעען אָבער, האָבן זיי אויסגעפירט אויך אַנדערע פונקציעס.

דאָס אַנטלויפן פון אַרבעטס־לאַגער אין ווילעיקע

„איינמאָל, 3 אַזייגער פאַרטאָג זומער־צייט 1943, מיר הערן אַ טומל אויפן הויף — דערציילט ראובן אלפעראָוויץ פון קורעניץ — וואָס איז? די עלעקטריע ברענט און מען שרייט. עס ווייזט זיך אַרויס, אַז 15 יידן זיינען אַנטלאָפן פון לאַגער אין ווילעיקע, אין וואַלד. דער אָנפירער פון לאַגער אין ווילעיקע גראָוועּ, האָט אונז געמוסרט, פאַרוואָס די יידן זיינען אַנטלאָפן. און געפאָדערט, מ׳זאָל זיי גלייך ברענגען צוריק. גראָוועּ האָט געהייסן אַלפעראָוויצן און אברהם בערגשטיין איינשפּאַנען די פערד און וואָגן און פאָרן זיי זוכן.

„מיר זיינען אָפּגעפאָרן 6 קלמ. פון ווילעיקע, און אַוועק אין וואַלד און דערמיט זיך געזעגנט מיט דער שווידערלעכער געשטאַפּאַ, און זיך באַקענט מיט די פּאַרטיזאַנער, וואָס האָבן פאַר אונז געעפנט נייע מעגלעכקייטן צו קעמפן קעגן אונזערע מערדער פון שטעטלעך פון ווילנער געגנט״.[118]

דער אויפשטאַנד אין בראַסלאַוו

צו אַן אויפשטאַנד איז געקומען אין בראַסלאַוו, וואָס ליגט 170 קלמ. פון וויל־נע. דאָרטן האָבן געוואוינט 1800 יידן. ווי דער לערער פון בראַסלאַוו ס. טעמפּעל־מאַן דערציילט[119] זיינען דעם 3טן יוני 1942 אומגעקומען כמעט אַלע. פאַר־בליבן זיינען בלויז 40, וואָס האָבן זיך צעשפּרייט צווישן די פּויערים אין אַרומיקע דערפער.

מיט 2 חדשים שפּעטער האָבן די דייטשן אַריינגעפירט קיין בראַסלאַוו 50 יידן פון דאָרף אָפּסע, 20 קלמ. פון בראַסלאַוו, און אויפגעשטעלט אַ געטאָ, וואָס האָט עקזיסטירט 7 חדשים.

ווען די דייטשן האָבן אָנגעהויבן ליקווידירן דאָס נייע געטאָ אין מערץ 1943, האָבן זיך די יידן פאַרפעסטיקט אין אַ הויז און געשאָסן אויף די דייטשן און פּאָליציאַנטן פון רעוואָלווערן און ביקסן. ווען די שיסעריי האָט אויפגעהערט, צוליב אויספעלן פון אַמוניציע, האָבן די דייטשן אַטאַקירט דאָס הויז. דער ערשטער אָנגרייפער איז געפאַלן טויט. אַ ייד האָט אָנגעטאָן דאָס היטל פון געפאַלענעם דייטש, פאַרכאַפּט זיין ביקס און גענומען שיסן אויף די דייטשן.

די דייטשן האָבן דאַן געוואָרפן גראַנאַטן און צעשטערט דאָס הויז, באַגראָבנדיק אונטער די חורבות זיינע פאַרטיידיקער.

דער אויפשטאַנד אין ווילנער געטאָ

די צוגרייטונגען צום אויפשטאַנד

אין מאַרטש 1943 האָט די פ.פ.א. אין ווילנע אָנגענומען איר רעגולאַמין.

די ווידערשטאַנד־באַוועגונג איז בכלל געשטאַנען פאַר גוואַלטיק שווערע פּראָבלעמען. איינגעקלאַמערט אין די געטאָ־מויערן, איזאָלירט פון די ניט־יידישע ווידערשטאַנד־באַוועגונגען, פון וועלכע מ׳האָט ניט געקענט דערוואַרטן קיין הילף, באַזיצנדיק אַ מינימאַלע באַוואָפנונג און האָבנדיק פאַר זיך די ריזיקע באַוואָפנטע מאַכט, פון דייטשן מיליטער, געשטאַפּאָ און קאָלאַבאָראַנטן צווישן דער שכנישער באַפעלקערונג, איז די יידישע ווידערשטאַנד־באַוועגונג געשטעלט געוואָרן פאַר דער פראַגע, וועגן איר עיקר־ציל און אויפגאַבע. קעגן דעם נאַענטסטן און פשוטסטן געדאַנק: אָרגאַניזירן דעם קאַמף און ניט לאָזן זיך אַרויספירן פּאַסיוו צו פאַרניכטונג אין לאַגערן, — איז אַרויסגערוקט געוואָרן אַ צווייטער געדאַנק, אַז דער ציל פון ווידערשטאַנד איז צו נעמען אנטייל אין אַלגעמיינעם קאַמף קעגן דעם דייטשן שונא און אַרויספירן וואָס מער קעמפער צו די פאַרטיזאַנער אין וואַלד. די אָנהענגער פון דאָזיקן געדאַנק האָבן אָנגעוויזן אויף דעם, אַז דער קאַמף אין געטאָ באַדייט אומקום, בעת דער קאַמף אין וואַלד קאָן געבן מער אַלגעמיינע עפעקטיווע רעזולטאַטן, ער וועט פאַרשאַפן דעם דייטש פיל מער שאָדן און גיט שאַנסן צו ראַטעווען לכל־הפחות זיך, און שפּעטער קאָנען אפשר אויך קומען דעם געטאָ צו הילף.

אויף דעם האָבן די אָנהענגער פון קאַמף אין געטאָ גופא אָנגעוויזן, אַז מען קאָן ניט צונעמען פון געטאָ זיין קאַמפּס־עלעמענט און איבערלאָזן די קינדער, אַלטע לייט און פרויען אין געטאָ אויף גאָטס באַראַט. אַזאַ זאַך זעט אויס, ווי דעזערציע.

אַ סינטעז צווישן דיביידע שטאַנדפּונקטן איז געגעבן געוואָרן אין „די קאָמענטאַרן צום רעגולאַמין פון פ.פ.א.״, וואו ס׳ווערט דערקלערט, אַז „אין וואַלד וועלן מיר גיין נאָכן קאַמף. נאָכן אויספילן דעם חוב, וועלן מיר מיטרייסן מיט זיך די מאַסן... נאָר אין קאַמף... עקזיסטירן שאַנסן פון בלייבן ביים לעבן און ראַטעווען די ברייטע יידישע מאַסן״.

וואָס שייך דער עיקר־פראַגע: ווען דאַרף אָנגעהייבן ווערן דער אויפשטאַנד, — איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז דאָס דאַרף געשען בשעת דער ליקווידאַציע פון געטאָ. די דערמאָנטע קאָמענטאַרן פאָרמולירן עס אַזוי:

„פ.פ.א. וועט אָנהייבן דעם קאַמף, ווען ס'וועט געשטערט ווערן די עקזיס־טענץ פון גאַנצן געטאָ".

געווער פלעגט מען זיך פאַרשאַפן אויף כלערליי אופנים. גנבענען ביי איינצעלנע דייטשן און פון געווער־סקלאַדן, מאַגאַזינען, פאַרפלאַמבירטע וואַגאָנען, איינקויפן פאַר זייגערס, קידושין־רינגלעך, מלבושים א. ד. גל. אַריינגעשמוגלט האָט מען עס אין געטאָ, דורך לעכער אין ווענט, אין פורן מיט מיסט, שפּייז, האָלץ, ארונות מיט מתים. באַהאַלטן פלעגט מען אין: געווער־מאַלינעס, אונטער פאָדלאָגעס, קעלערס, אויף בוידעמער, אין דאָפּלטע דעקן פון כלים, צווישן ביכער פון ביבליאָטעק מפיצי השכלה און פון ייווא. מ'האָט אויך פּראָדוצירט אייגן געווער: אין די טעכנישע וואַרשטאַטן פון אינזש. מאַרקוס און אין פּריוואַטע וואַרשטאַטן. פּראָדוצירט האָט מען: פאַרשיידענע מינים קאַלט געווער, ווי קינזשאַלן, מעסערס, שטאַנגען, העק, שפּראַנדזשינעס און טיילן פון רעוואָלווערן. אַן 800 גראַנאַטן האָט מען אויס־געאַרבעט פון עלעקטרישע לעמפּלעך, אָנגעפילט מיט אויפרייס־שטאָף. די משפּחה פון פאָטער און ברידער פּענעאַסאוו פלעגט פאַרריכטן און מאַכן נוצלעך אַלטע און קאַליע געוואָרענע געווער. געוו. מיליטער־לייט האָבן געלערנט צו באַנוצן זיך מיטן געווער, ווי אויך צענעמען עס און צוריק אויפלייגן.

זייט זומער 1942 זיינען אויך דורכגעפירט געוואָרן אַ צאָל סאַבאָטאַזש־אַקטן אין און אַרום ווילנע, ווי אויך דיווערסיע אַקטן אויף באַן־ליניעס, לעבן ווילעיקע א. אַנד. דערוויייל זיינען אין געטאָ פאַרגעקומען געשעענישן, וואָס האָבן צוגעאיילט דעם ווידערשטאַנד. אין פרילינג 1943 האָט מען גע־נומען צונויפזאַמלען אין געטאָ די יידן פון אָשמענע, סוויר, מיכאַלישאָק, כלומרשט, פאַר אַרבעט אין קאָוונע. דעם 5טן אַפּריל 1943 זיינען אַלע 5,000 יידן אָוועקגעפירט געוואָרן קיין פּאָנאַר און אומגעבראַכט געוואָרן. געווען זיינען עס יונגע, אַרבעטספעאיקע מענטשן אין בליענדן עלטער.

דער פאַקט, אַז די דייטשן האָבן אויסגעמאָרדעט אויך קרעפטיקע, יונגע מענטשן, האָט באַוויזן, אַז אויך אַרבעטס־פעאיקע מענטשן און געזונטע קאָנען זיך ניט ראַטעווען און אַז די דייטשן ווילן פטור ווערן ניט בלויז פון זקנים און קינדער, נאָר אויך פון יונגע, געזונטע און אַרבעטס־פעאיקע ייד.

מען האָט געהאַלטן, אַז קרוב 500 מאַן זיינען אַנטלאָפן פון פּאָנאַר, און האָבן זיך אויסבאַהאַלטן, אין געטאָ. ווען דאָס געטאָ וועט אָבער ליקווי־דירט ווערן, וועט דאָך אויך ניט זיין וואוהין צו אַנטלויפן און זיך אויסבאַהאַלטן. אַ סך מענטשן זיינען דאַן צוגעשטאַנען צו דער ווידערשטאַנדס־באַוועגונג, און אויך אַליין אָנגעהויבן זוכן וועגן, ווי אַרויסצוגיין אין וואַלד צו די פּאַרטיזאַנער.

די דייטשע מאַכט האָט דאַן אַרויסגעגעבן אַ באַפעל פון קאָלעקטיווער

פאַראַנטוואָרטלעכקייט: פאַר יעדן אַנטלאָפענעם ייד, ווערט צוגענומען זיין משפחה, פעלט אַ משפחה, — דאַן זיינען פאַראורטיילט אַלע איינוואוינער פון צימער, ווען מען זיי ניט געפונען — דאַן ווערט דערשאָסן דער גאַנצער הויף. אין די „ידיעות" איז דערשינען אַן אַרטיקל, דיקטירט דורך דער פּאָליציי, וואָס האָט געוואָרנט פאַר אַוועקגיין און גערופן מודיע זיין וועגן דעם, — היות „אַזאַ מעלדונג איז ניט קיין מסירה". ווי, דר. דוואָזשעצקי ווייזט אָן, האָט דער באַפעל פון קאָלעקטיווער פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַקטיש געשלאָסן די תקופה פון גיין אין וואַלד.

אין מאַי 1943 האָבן די פ.פ.א. און יחיאלס גרופּע אָנגעהויבן פאַרהאַנדלען וועגן אַ פאַראייניקונג. פון דער ערשטער זיינען געווען י. וויטנבערג און כ. באָראוסקאַ, פון דער צווייטער — י. שיינבוים, ש. בראַנט און ל. בערנשטיין. שיינבוימס גרופּע איז אַריין אין דער פ.פ.א., אַלס אויטאָנאָמער באַטאַליאָן מיטן באַדינג אַז דאָס געוועזער פאַרבלייבט ביי איר. די געמיינזאַם־איינגעקויפטע וואָפן ווערט פאַרטיילט פּראָפּאָרציאָנעל. שיינבוים איז געוואָרן פאַרבינדונגס־מאַן און איז שפּעטער אַריין אויך אין שטאַב פון פ.פ.א.

אין יענע טעג האָט דער פּוילישער אונטער־ערדישער ראַדיאָ „סוויט" פלוצעם געבראַכט די סענסאַציאָנעלע ידיעה וועגן אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ, וואָס האָט אויפגעשטורעמט דאָס געטאָ. די ידיעה איז געווען גלייכצייטיק אַ קוואַל פון „שטאָלץ און אימה": יידן קעמפן אין אויפשטאַנד, אַלע יידן קומען אום, און וואָס וועט זיין אין פאַרבליבענע געטאָס?

די נאָענטסטע 1טע מאַי־פאַרזאַמלונג אין אַ טיי־הויז האָט ניט בלויז באַערט דעם אָנדענק פון די וואַרשעווער געטאָ־העלדן, נאָר איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אַקאַדעמיע פון וואַרשעווער אויפשטאַנד. אונטערן איינפלוס פון דער ידיעה, האָט הירש גליק אָנגעשריבן דאַן זיין באַרימט ליד „זאָג ניט קיינמאָל אַז דו גייסט דעם לעצטן וועג", וואָס איז, כידוע, געוואָרן דער יידישער פאַרטיזאַנער־הימן.

דער פאַל וויטענבערג

דעם 16טן יולי איז דאָס געטאָ אין ווילנע אויפגעטרייסלט געוואָרן דורך דער מעשה — וויטענבערג. אַן אַרעסטירטער פּוילישער קאָמוניסט, קאָזלאָווסקי, האָט אונטער די פּייניקונגען אַרויסגעגעבן, אַז וויטענבערג שטייט בראש פון דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע אין געטאָ. די געשטאַפּאָ האָט דאַן געשטעלט אַן אולטימאַטום: אַרויסגעבן אים, אָדער זי וועט פאַרניכטן דאָס געטאָ, דורך טאַנקען און עראָפּלאַנען.

גענס האָט וועגן דעם מיטגעטיילט אויף אַ מאַסן־פאַרזאַמלונג און האָט זי אויפגעהעצט קעגן וויטענבערגן און דער גאַנצער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע.

אונטערוועלטניקעס, אָרגאַניזירט דורך זיין געהילף ד. דעסלער, זיינען מיט שטעקענעס באַפאַלן אַ הויז מיט די אָנפירנדע קעמפער. די פּאַרטיזאַנער־אָרגאַניזאַציע האָט דאַן אַרויסגעגעבן דעם מאָביליזאַציע־פּאַראָל. אויך שיינבוים האָט געהייסן פּאַרטיילן געווער צווישן זיין גרופּע. אַלע האָבן פאַרנומען די אָנגעוויזענע פּלעצער, געגנס האָט געשיקט פאַרמיטלער. די אָנפירער פון דער קאָמוניסטישער גרופּע האָבן געהאַלטן, אַז מ׳קאָן ניט שטעלן דאָס געטאָ אין געפאַר. וויטענבערג איז אָבער פאַרשוואונדן. קאטשערגינסקי אין זיינע זכרונות האַלט, אַז דאַן איז געווען דער שעת־הכושר פאַרן אויפשטאַנד. ער גיט אָבער אויך צו, אַז די מאַסע וואָלט ניט מיטגעגאַנגען, — די מאַסע, אויפגעהעצט דורך געגנסן, איז געווען דאַן בכלל קעגן פּ.פּ.א.

וויטענבערג האָט זיך איבערגעגעבן דער פּאָליציי, נאָכן הערן דעם באַשלוס פון שטאַב. געגנס האָט ליתר תוקף צוגעזאָגט, אַז ער וועט זיך באַמיען ראַטעווען וויטענבערגן מיט גאָלד־כאַבאַר. אָבער וויטענבערג איז דורך די דייטשן געהאַנגען געוואָרן. געגנס און די יידישע פּאָליציי האָבן דאַן אָפּגעהאַלטן אַ זיג איבער דער פּ.פּ.א., ווייל זיי איז געלונגען צו איזאָלירן זי פון דער גאַס.

נאָך דער טראַגעדיע וויטענבערג איז קלאָר געוואָרן, אַז די פּאָליציי פירט אַ קאַמף קעגן דעם ווידערשטאַנד פון געטאָ און אַז הינטער איר שטייט די דייטשע מאַכט, וואָס ווייסט אַלעס וועגן דער פּ.פּ.א.

ס׳איז געווען קלאָר, אַז פאַרן אויפשטאַנד וועט נאָך קומען צו אַ קאַמף מיט דער געטאָ־פּאָליציי, וואָס האָט טריי אויסגעפירט די באַפעלן פון דער דייטשער מאַכט. דער ערשטער, גרויסער קאַמפּס־אַקט פון דער פּ.פּ.א. קעגן דער פּאָליציי איז געקומען אין שייכות מיט דעם אַרעסט פון יוסף גלאַזמאַן, — אַ מאַן פון ווילן און ענערגיע, געהילף־קאָמאַנדיר פון פּ.פּ.א.

גלאַזמאַן, וואָס האָט געשטאַמט פון ליטע, וואו ער איז געווען ראש פון בית״ר איז לכתחילה געווען וויצע־שעף פון דער פּאָליציי און י. געגנס וואָס האָט פריער געהערט צום רעוויזיאָניסטישן ברית החיל, האָט געהאַט צו אים גרויס צוטרוי.

די געשטאַפּאָ, וואָס האָט מיט דער צייט זיך דערוואוסט וועגן דער עקזיסטענץ פון דער ווידערשטאַנדס־אָרגאַניזאַציע אין געטאָ און האָט פונקט, ווי אין וואַרשע, ביאַליסטאָק א. אַנד. מורא געהאַט, אַז אַן אויפשטאַנד אין געטאָ קאָן ברענגען צו אומרוען אויך צווישן דער פּוילישער באַפעלקערונג אין שטאָט און אומגעגנט, האָט באַשלאָסן צו פאַרניכטן די אָרגאַניזאַציע, מיט דער הילף פון דער געהאַרכזאַמער געטאָ־פּאָליציי.

קאַמף מיט דער געטאָ־פּאָליציי

אָנפאַנג יולי 1943 האָט גלאַזמאַן באַקומען אַ באַפעל אַרויספאָרן אין טאַרף־לאַגער רעשע. ווען ער האָט זיך אַנטזאָגט, האָבן 5 פּאָליציי־לייט אַרויסגענומען אים פון הויז מיט געוואַלט און אַוועקגעפירט געשמידט, אין קייטן, אָבער עטלעכע חברים, פון דער פ.פ.א. האָבן באַפרייט גלאַז־מאַנען. גענס האָט דאַן געלאָזן רופן זיך פאַרשטייער פון פ.פ.א. און זיי פאַר־זיכערט, אַז גלאַזמאַן וועט דאַרפן בלויז פאָרן קיין רעשע, וואָרום אין קעגנפאַל וועט ער און זיין געהילף זיין קאָמפּראָמעטירט ביי די דייטשן; זיי וועלן דאַן אויך דאַרפן פאַרלאָזן דאָס געטאָ, וואָס וועט ברענגען צו דעם, אַז די ס.ס. וועט איבערנעמען די מאַכט. די דראָאונג האָט געווירקט און גלזאַמאַן איז אַוועק קיין רעשע.

גלייכצייטיק איז געוואָרן אַרעסטירט אַ חבר פון שיינבוימס גרופּע י. פּאָוסט. אויך ער איז באַפרייט געוואָרן דורכן שיינבוימס קאַמפס־גרופּע און אויך ער איז, אונטערן דרוק פון גענסן, אָפּגעפאָרן צוזאַמען מיט גלאַזמאַנען קיין רעשע.

ביידע, סיי גלאַזמאַן, סיי פּאָוסט, זיינען אָבער שפּעטער צוריקגעקומען אין געטאָ. דער פאַקט, וואָס מען האָט זיי אָבער פריער באַפרייט. אויפן וועג פון קאַמף קעגן דער פּאָליציי, האָט געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק, און האָט באַוויזן, אַז קאַמף געלינגט.

גלאַזמאַן, וואָס איז לכתחילה געווען קעגן גיין אין וואַלד און האָט גע־האַלטן נאָר פון קאַמף און אויפשטאַנד אין געטאָ, איז דעם 22סטן יולי אַרויס מיט אַ גרופּע קעמפער צו די נאַראַטשער וועלדער וואו עס איז געווען אַ גרויסע קאָנצענטראַציע פון פּאַרטיזאַנער. אין ניי־ווילעיקע זיינען צו זיי צוגעשטאַנען נאָך 14 יידן. די אויסשפּיר־גרופּע וואָס זיי האָבן אַרויסגע־שיקט ביי אַ בריקל אויף דער ווילענקע טייך, איז געפאַלן אין קאַמף מיט דער פּאָליציי. גלאַזמאַן און זיין גרופּע ,האָבן אָבער באַוויזן אָנקומען אין די נאַראַטשער וועלדער און שאַפן דעם אָטריאַד „נקמה" („מעסט").

ווען גלאַזמאַן האָט פאַרלאָזן דאָס געטאָ, האָט מען דאָרטן דערציילט, אַז דעסלער האָט וועגן דעם געמסרט דער געשטאַפּאָ. נויגעבויער, וואָס האָט איינגעפירט קאָלעקטיווע פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר יעדן אַנטלאָפענעם ייד האָט שפּעטער אַראָפּגענומען פון די געפאַלענע חברים פון גלאַזמאַנס גרופּע זייערע בלעכענע נומערן און איז אַזוי אַרום דערגאַנגען די נעמען פון די געפאַלענע ווי אויך פון די אַנדערע, מיטגלידער פון דער גרופּע, און קרובים פון די אַנטלאָפענע, צוזאַמען 23 פערזאָנען, זיינען דאַן אַוועקגעשיקט געוואָרן קיין פּאָנאַר.

ערשטער ווידערשטאַנד ביים אָנהייב פון דער דעפּאָרטאַציע קיין עסטלאַנד

דעם 1טן אויגוסט האָבן די דייטשן אָנגעהויבן זייער גרויסע אַקציע, פון דעפּאָרטירן יידן קיין עסטלאַנד. דער ערשטער טראַנספּאָרט איז גע־נומען געוואָרן מיט געוואַלט: באַוואָפנטע ס.ס.־לייט האָבן פאַרהאַלטן אויפן גאַס יידן, וואָס זיינען געגאַנגען צו זייער געוויינלעכער אַרבעט, און אָנגע־פירט צו פאַרגראַטעוועטע וואַגאָנען ביים באַן. די יידן האָבן זיך קעגנ־געשטעלט. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ קאַמף צווישן די אומבאַוואָפנטע יידן און די טויזנטער שטאַרק באַוואָפנטע דייטשן, ליטווינער, לעטן און עס־טאָניער. 300 הרוגים זיינען געפאַלן, הונדערטער יידן זיינען אַנטלאָפן, די איבעריקע זיינען פאַרלאָדן געוואָרן אין די וואַגאָנעס. געגס איז געקומען מיט דער געטאָ־פּאָליציי און פאַרזיכערט, אַז מען פירט די געכאַפּטע אויף אַרבעט קיין עסטלאַנד, און אַז שפּעטער וועלן קומען זייערע פרויען. אַ טייל, וואָס זיינען געשפּרונגען פון צוג, איז געלונגען אַנטלויפן אין וואַלד. אָבער צוריקקומען אין געטאָ. (גענויער ווערט דערציילט וועגן דעם אין קאַפּיטל וועגן „אומבאַוואָפנטן ווידערשטאַנד" פריער).

שפּעטער זיינען אָפּגעגאַנגען נאָך טראַנספּאָרטן קיין עסטלאַנד, בפרט, אַז פון דאָרטן זיינען אָנגעקומען קיין ווילנע בריוו פון די פריער דעפּאָרטירטע, אַז זיי אַרבעטן און געפינען זיך ניט ווייט פון דער פראָנט־ליניע. „די געטאָ־מענטשן — שרייבט דר. דוואָזשעצקי — האָבן זיך צוגעוואוינט צום געדאַנק, אַז אַלעמען דערוואַרט עסטלאַנד". אָבער די פּאַרטיזאַנער האָבן געוואָרנט פאַר דער אילוזיע עסטלאַנד.

אָנפאַנג זומער איז אין געטאָ אָנגעקומען אַ גרופּע סאָוועטיאַנער, גע־שיקט דורך מאַרקאָוון. די אַרגומענטן פון די סאָוועטיאַנער זיינען געווען, אַז אויפשטאַנד איז אַ „קידוש־השם"־זאַך, גבורה, אָן דעם מינדסטן שאַנס פון גובר זיין דעם שונא, — בעת אין וואַלד עקזיסטירט אָן אָרגאַניזירטער פּאַרטיזאַניש־מיליטערישער כוח, וואָס נעמט נקמה פון שונא און האָט גרעסערע מעגלעכקייטן איבערלעבן דעם קריג, ווי דאָס אַרומגעצאַמטע, איזאָלירטע געטאָ, וואָס האָט פאַר זיך דעמזעלבן גורל, וואָס דאָס געטאָ אין וואַרשע.

די סאָוועטיאַנער האָבן אָבער פאַרגעזעצט זייער אַרבעט און אַרויסגעפירט אייניקע גרופּעס פון ווילנע צו מאַרקאָוון. באַזונדערס האָבן זיך אויס־געצייכנט ביי דער דאָזיקער אַרבעט גערטמאַן (שפּעטער געפאַלן), מ. שוטאַן, רודניצקי, פייג א. אַנד. רודניצקי האָט צווישן אַנדערע אַרויסגעפירט סוצ־קעווער און קאַטשערגינסקין.

טויזנטער יידן האָבן זיך געריסן גיין אין וואַלד — שרייבט דוואָזשעצקי — אָבער דער געטאָ־טויער און אַלע וועגן זיינען געווען באַוואַכט. „און יעדער געטראָפענער פּאָליאַק, צי ליטווינער, קאָן דיר אַרויסגעבן" די משפּחות פלעגן יעדן, וואָס גרייט זיך גיין אין וואַלד, באַטראַכטן ניט תמיד, ווי אַן אידעאַליסטישן קעמפער, נאָר אָפט ווי אַ מענטש, וואָס וויל זיך אַליין ראַטעווען.

אין געטאָ זיינען דאַן געווען 3 עלעמענטן: 1. די וואָס זיינען געווען גרייט גיין קיין עסטלאַנד. 2 אַזעלכע, וואָס האָבן זיך געגרייט פאַרבלייבן אין מאַלינעס און אויסבאַהאַלטן זיך פון דעפּאָרטאַציע און 3. די אָרגאַניזירטע ווידערשטאַנד־באַוועגונג און אויך גרופּן פון פּראָווינצער און משפּחה־לאָזע יוגענטלעכע, וואָס האָבן זעלבסטשטענדיק געזוכט אַ וועג אין וואַלד.

די פ.פ.א., וואָס האָט פאַרלאָרן אירע אָנפירער, וויטענבערג און גלאַזמאַן, געליטן פון אַ גרויסן מאַנגל אין באַוואָפנונג, האָט, לײדער ניט באַוויזן צו געווי־נען אַן אָנשפּאַר אין דער מאַסע. דאָס געטאָ האָט, אין זיין רוב מנין געזען אַ זעלבסטמאָרד־אַקט אין פּרוּוו פון אויפשטאַנד. בעסער איז געווען די באַציאונג צום געדאַנק וועגן גיין אין וואַלד, אָבער אויף דעם, „וואָס האָט די מעגלעכקייט צו טאָן עס, האָט מען געקוקט ווי אויף אַ „בר מזל". אַ סך דעצידירטע צום קאַמף און אָפּוער האָבן זיך אויך ניט אַנטשלאָסן איבערלאָזן אויף הפקר די משפּחה און פלעגן צוזאַמענברעכן אין לעצטן מאָמענט.

דער טאָג פון אויפשטאַנד — 1טער סעפּטעמבער 1943

דעם 1טן סעפּטעמבער 1943, 5 אַ זייגער פאַרטאָג, איז דאָס געטאָ פּלוצעם געוואָרן אַרומגערינגלט. מ׳האָט זיך ניט אַרומגעקוקט, ווי אין געטאָ זיינען אַריין באַוואָפנטע אָפּטיילונגען פון עסטאָניער און זיך פאַר־שפּרייט אין די גאַסן. ס׳האָט זיך אָנגעהויבן דאָס לויפן אין די „מלינעס". צווישן המון זיינען זיינען אַרומגעלאָפן די פאַרבינדלער פון דער פ.פ.א. מיטן געשריי: ליזע רופט!" (אַלאַרם־לאָזונג פון די קעמפערס אויפן נאָמען פון ליזע מאַגון.[34])

די לעבנס־געבליבענע קעמפערין רייזל (רוזשקא קאָרשטאַק) דערציילט אַז דער מאָביליזאַציע־באַפעל פון דער קאַמפּס־אָנפירונג איז אויסגעפירט גע־וואָרן שנעל. אין די גאַסן איז צעקלעפּט געוואָרן אַן אויפרוף צו די יידן, אַז זיי זאָלן אַרויסטרעטן און פאַרטיידיקן זיך מיט געווער. היות ווי דאָס אַרויסנעמען דעם געווער פון דער ערד און זיין פאַרטיילונג צווישן די קעמפער וואָלט געדויערט אַ שעה צייט, האָט די אָנפירונג געהייסן ניט צו קאָנצענטרירן זיך אין איין אָרט. דער 1טער באַטאַליאָן פון דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע האָט זיך קאָנצענטרירט אויף סטראַשונא גאַס 6 און דער

2טער אויף שפּיטאַלנאַ 6, — ווייט פון די הויפּט־סקלאַדן פון געווער פון דער פּ.פּ.אַ.

האַלב נאָך 5 זיינען שוין אַלע קעמפער געווען אויף זייערע פּאָזיציעס. די קאָמאַנדע בראש מיט אבא קאָוונער, האָט זיך געפונען אויף סטראַשונאַ 6 און האָט זיך געגרייט דורכפירן דעם פריער־אויסגעאַרבעטן פּלאַן: צו דער־אבערן די פּאָזיציע אויף רודניצקער גאַס 6, עפענען אַ קאָנצענטרירטן פייער אויף די אַריינקומענדע דייטשן און שטעלן דערמיט דאָס געטאָ פאַר אַ געשעענעם פאַקט, — דעם אָנפאַנג פון באַוואָפנטן ווידערשטאַנד.

דער 2טער באַטאַליאָן, אויף שפּיטאַלנע 6, אין דער צאָל פון 100 מאַן, האָט געוואַרט אויפן געווער, וואָס אַ ספּעציעלע גרופּע האָט געהאַלטן ביים אַרויסנעמען פון אַ באַהעלטעניש. אָבער זיי זיינען באַלד אַרומגערינגלט געוואָרן דורך 2 שטאַרקע דייטשע טיילן, אַריינגעפירט דורך אַ הינטער־אַריינגאַנג, דורך געגנסעס ברודער און דעם בריגאַדיר היימאַן, די קעמפער האָבן זיך קעגנגעשטעלט אָן געווער. אָבער די דייטשן האָבן זיי פאַר־שלעפּט אין דער ריכטונג פון געטאָ טויער. דער קאָמאַנדיר גרישע ציפּעלע־וויטש האָט דאַן פאַראָרדנט צו לויפן צו דער צענטראַלער פּאָזיציע אויף סטראַשונאַ 6, 25 מאַן האָבן עס באַוויזן צו טאָן. טראָץ דער פּרואוו פון דער הויפּט־קאָמאַנדע צו באַפרייען די איבעריקע, זיינען זיי אַרויסגעפירט געוואָרן פונעם געטאָ אין מאַשינעס.

6 פאַרטאָג זיינען די דייטשן אַריין אין געטאָ און זיך פאַרטיילט אין קליינע גוט באַוואָפנטע גרופּן, וואָס האָבן פאַרנומען שליסל־פּאָזיציעס אין יעדן הויף און אין די גאַסן, בעת די מאָביליזירטע קעמפער האָבן אָבער ניט צאַוויזן זיך צו באַוואָפענען. דאָס האָט באַויגן די הויפּט־קאָמאַנדע צו ענדערן איר טאַקטיק און צו אַריבערפירן די קעמפער אויף טיפערע פּאָ־זיציעס אין דער סטראַשון גאַס.

8 פרי זיינען די כּוחות פון פּ.פּ.אַ. צוזאַמען מיט אַ טייל פון דער ניט־אָרגאַניזירטער יוגנט, געווען באַשעפטיקט ביים אויפשטעלן אַ באַריקאַדע אויף דער גאַס, אין משך פון אַ האַלבער שעה איז דאָס רוב פון געווער אויף שפּיטאַלנע 6 געווען אויף דער באַריקאַדע און פאַרטיילט געוואָרן צווישן די קעמפער, ביים אַרויסנעמען דעם רעשט געווער, איז פאַרהאַלטן געוואָרן דאַנקע לובאַצקי.

הגם דאָס געווער איז ניט געווען גענוג, איז דער גייסט צווישן די קעמפער געווען אַ גוטער. די עיקר־כּוחות האָבן זיך געפונען אויף דער באַריקאַדע, אין דער ביבליאָטעק פון „מפיצי השכלה" און דער שכנותדיקער באָד. אויך די הייזער 7 און 8 אויף סטראַשונאַ גאַס האָבן זיך געפונען אין די הענט פון דער פּ.פּ.אַ. די פאָדערשטע פּאָזיציע אויף סטראַשונאַ 12 איז געווען אין מצב פון גרייטקייט. הינטער די פּאָזיציעס האָבן די חברות גע־

קאָכט הייס וואַסער, געגרייט זעק מיט שטיינער, אייזערנע שטאַנגען, העק, פלעשער מיט שוועבל־זויער. לעבן די פענסטער זיינען געשטאַנען די גראַנאַטן־וואַרפער. איליא שיינבוים איז באַשטימט געוואָרן אַלס קאָמאַנדיר פון דער פאָדער־פּאָזיציע אויף סטראַשונא 12.

די אויספירער האָבן דערוויל געבראַכט אַ ידיעה פון געטאָ, אַז די דייטשן פאָדערן 3,000 מענער און 2,000 פרויען צו אַרבעט אין עסטלאַנד. גענס באַגלייט פון פּאָליציאַנטן, האָט כסדר גערופן צו פאָרן. זעענדיק אָבער אַז עס גייט צו אַ באַוואָפנטן אויפשטאַנד מצד דער פ.פ.א., האָבן גענס און דעסלער פאָרגעשלאָגן די דייטשן אַרויסציען זייערע כוחות פון געטאָ און זיך פאַרפליכטעט צוצושטעלן זיי די געפאָדערטע צאָל מענטשן אין משך פון טאָג. זיי האָבן אויך פאַרזיכערט דעם געטאָ, אַז זיינע עיקר־אַרבעטס־כוחות וועלן בלייבן אין ווילנע און זיך בכלל באַמיט צו באַרואיקן דעם עולם טענהנדיק, אַז מען פירט ניט קיין פאנאר, נאָר אויף אַרבעט קיין עסטאָניע.

צום טייל איז עס זיי געלונגען. די קעמפער פילן, אַז זיי ווערן איזאָלירט פון דער מאַסע. זיי זאָגן זיך אָבער ניט אָפּ פון קאַמף און באַשטימען אַלס זייער צענטראַלע פּאָזיציע דאָס הויז אויף סטראַשונא 6, געדעקט דורך די פּאָזיציעס אויף סטראַשונא 7 און 8. די פּאָזיציע אויף סטראַשונא 12 דאַרף שטערן די דייטשן אַריינצוגיין אין דער גאַס.

ווען די דייטשן זיינען פלוצעם באַפאַלן דאָס געטאָ, האָט שיינבוים זיך ניט פאַרלאָרן; ער האָט זיך שנעל אָריענטירט אין דער לאַגע, צונויפגערופן די גרופּן, אויסגעגראָבן דאָס געווער פון קעלערן, און בוידעמער, און נאָך אַ קורצער באַראַטונג מיטן שטאַב פון פ.פ.א. איבערגענומען דעם שוץ־פּונקט אויף סטראַשונא גאַס 12. אויף דער דאָזיקער פאָדערסטער פּאָזיציע האָט זיך געפונען אַ גרופּע פון 40 קעמפער, דערונטער 10 שיינבוימס־לייט, 20 פון דער רובאַשאַוו־גרופּע און אַ 10 פון פ.פ.א. דער פּונקט איז געווען שוואַך באַוואָפנט. שיינבוים האָט אויך ניט באַקומען פון שטאַב אַ מאַשין־געווער, וואָס איז געווען נויטיק ביים פאַרטיידיקן דאָס עקספּאָנירטע הויז.

ווען די דייטשן האָבן דערזען, אַז די יידן גייען ניט צום טויער, האָבן זיי געבומען אויפרייסן די הייזער דורך מינעס .דאָס ערשטע איז אויפגעריסן געוואָרן דאָס הויז אויף סטראַשונא גאַס 15, קעגנאיבער הויז נר. 12. ווען שיינבוים האָט דערזען די אָנגעקומענע דייטשן, האָט ער פון זיין פענסטער געעפנט אַ פייער. די דייטשן האָבן געענטפערט פון אויטאָמאַטישן געווער און שיינבוים איז געפאַלן. אַ שטראָם בלוט האָט פאַרגאָסן זיין דערביי שטייענדיקע פרוי פעסיע. דורכן פענסטער זיינען געוואָרפן געוואָרן גראַנאַטן אויפן שונא, וואָס האָט געענטפערט מיט אַ שטאַרקן פייער .שיינבוים איז געפאַלן דער ערשטער. די דייטשן האָבן זיך צוריקגעצויגן. באַלד איז דערהאַלטן געוואָרן די ידיעה, אַז זיי קלייבן זיך אויפרייסן דאָס הויז, די קעמפער

האָבן זיך צוריקגעצויגן צו סטראשונא 6. אין אַ שעה אַרום האָט צו זיי דערגרייכט דער אָפּקלאַנג פון אויפרייסן. די דייטשן האָבן זיך צוריקגעצויגן פון געטאָ, מיטנעמענדיק זייערע פאַרוואונדעטע.

אויף מאָרגן האָבן זיך די דייטשן ניט באַוויזן, בלויז דאָס געטאָ מחוץ איז אַרומגערינגלט געוואָרן דורך שטאַרקע אָפּטיילונגען. קארטשאק דריקט אויס די השערה, אַז דאָס איז געשען, אַ דאַנק דער אַריינמישונג פון דער געטאָ־אָנפירונג, וואָס האָט געוואוסט, אַז די קעמפער וועלן ווידער שיסן און זייער קאַמף וועט אויך באַדראָען זייערע קעפּ. זיי האָבן געוואָלט דעריבער דורכפירן די „אַקציע" אַליין און וואָס שטילער עוואַקואירן קיין עסטלאַנד.

דעם 4טן סעפּטעמבער האָט גענס פאַראָרדענט צו פאָרן קיין עסטלאַנד די פרויען, זיי זיינען ס'רוב געפאָרן מיט גוטן. דעם 6טן האָט ער פאַראָרדענט דורכפירן אַ רעגיסטראַציע פון אַלע געטאָ־איינוואוינערס און אָנגעזאָגט ענדערונגען אין דער געטאָ־אַדמיניסטראַציע. די קעמפער זיינען די גאַנצע צייט ווייטער פאַרבליבן אויף זייערע פּאָזיציעס, גרייט צו באַגעגענען דעם שונא מיט פייער.

אין די „געטאָ־ידיעות" וואָס זיינען דאַן דערשינען, איז דערציילט געוואָרן וועגן די געשעענישן זייט דעם 1טן סעפּטעמבער און ס'איז אויך אָנגעוויזן געוואָרן, אַז גענסן און דעסלערן איז געלונגען צו ווירקן, אַז די דייטשע כוחות זאָלן אַרויס פון געטאָ, און איבערגעבען די עוואַקואַציע פון די 5,000 יידן קיין עסטאָניע אין זייערע הענט. און „דאָס האָט געראַטעוועט דעם מצב". די „געטאָ־ידיעות" האָבן אויך דערציילט וועגן אַ גרויסער אַסיפה אין הויף פון יודנראַט און אָנגעוויזן, אַז „דורך געאַרבּזאַמקייט צו דער דייטשער מאַכט, וועט זיין מעגלעך צו ראַטעווען דאָס גאַנצע געטאָ". „יעדער אַנדערער וועג וועט ברענגען דאָס געטאָ צו ליקווידאַציע". ס'איז אויך דערציילט געוואָרן, אַז אין עטלעכע פּלעצער איז „צו אומזער באַדויערן, געקומען צו אויסברוכן און אַלס רעזולטאַט פון דעם זיינען דריי היזער צעשטערט געוואָרן און אַ קאַנטיקע צאָל אומשולדיקע מענטשן, זיינען געבליבן אונטער די חורבות".

געוועזן אָבער אַ צווייטע מיינונג, — אַז די דייטשן האָבן באַכגעגעבן, ווייל זיי האָבן מורא געהאַט, אַז ס'וועט קומען צו אַ גרויסן אויפשטאַנד, ווי אין וואַרשע. איינער פון די אַרבעטס־בריגאַדירן, קאַמערמאַכער, האָט דאַן געזאָגט צו די קעמפער, אַז ער איז קעגן ווידערשטאַנד. „אָבער אויב די יידן וואָס זיינען געשיקט געוואָרן קיין עסטלאַנד און ניט קיין פּאנאר, וועלן בלייבן ביים לעבן, — וועט עס זיין אייער פאַרדינסט". אַן אויפשטאַנד אין געטאָ וואָלט, זיכער, געפירט צו ענלעכע באַוואָפנטע אַרויסטריטן אין שטאָט גופא, וואו די שפּאַנונג און בכלל די שטימונג קעגן די דייטשן איז געווען

פיל פיינטלעכער, ווי מיט אַ האַלב יאָר פריער אין וואַרשע, בעת דעם געטאָ־אויפשטאַנד.

די קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע איז געשטעלט געוואָרן פאַר אַ נייער סיטואַציע, היות דער טראַנספּאָרט פון די יידן איז געגאַנגען ניט אויף זיכערער טויט, ווי פאַנאַר, נאָר נאָך אַרבעט אין עסטאָניע, וואוהין די יידן האָבן זיך אַליין געמוטיקט צו פאָרן, סיי דורכן פאַקט, וואָס דאָרטן איז נאָענטער צום רוסישן פראָנט, וואוהין מ׳וועט קענען זיך ראַטעווען, סיי דורך די גוטע בריוו פון עוואַקואירטע — דאָן איז ניטאָ קיין האָפענונג אַז די מאַסן וועלן צושטיין און פאַרוואַנדלען דעם קאַמף אין אַ מאַסן־אויפשטאַנד. דאָס לעצטע איז דאָך געווען אויך דער ערשטער ציל פון פ.פ.א.

די קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע גייט אַרויס אין וואַלד

די אָנפירונג האָט דאַן דעריבער באַשלאָסן, אַרויספירן די גאַנצע אָרגאַניזאַציע אין וואַלד. אויב דאָס וועט אָבער ברענגען צו דער פלוצעמדיקער ליקווידאַציע פון געטאָ דורך באַוואָפנטע דייטשע כוחות, דאַרף דאָס אַרויס־גיין אָפּגעשטעלט ווערן און מען דאַרף עפענען אַ קאַמף קעגן שונא אין געטאָ. אויב די דייטשן וועלן פּרוּוון אָנגרייפן די אָרגאַניזאַציע (פון געניסעס אינפאָרמאַציע איז געווען באַוואוסט, אַז די דייטשן ווייסן וועגן איר׳ע פּאָ־זיציעס), „וועלן מיר קעמפן ביזן סוף״.

די קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע האָט זיך צעטיילט אין גרופּן, כדי צו פאַר־לאָזן דעם געטאָ אין קורצע צייט־אָפּשניטן. מיט דער הילף פון וויטקע קעמפּנער, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַן אַריער, איז געלונגען צו געפינען אַ געהעריקן אַרויסגאַנגס־אָרט לעבן דער שטאָט. די זייער שווערע פּראָבלעם פון אַרויספירן דאָס געווער איז געלייזט געוואָרן מיטן איינפאַל צו עקספּאָרטירן עס פון געטאָ אין אָרונות מיט מתים און באַגראָבן עס, צוזאַמען אויפן בית עלמין צוגלייך מיטן מת, די פּאַרטיזאַנער־גרופּן פלעגן עס אַרויסנעמען שפּעטער און פאַרלאָזן דעם בית־הקברות באַוואָפנטערהייט.

„השומר הצעיר״ האָט פאַרלאָזן די באַריקאַדע אויף סטראַשון גאַס די לעצטע. זי איז אַוועק צו ליטווישע פּאַרטיזאַנער־באַזע אין דער רודניצקער פּושטשע, 40 קלמ. פון ווילנע, וואו מ׳האָט געקענט קאָנצענטרירן אויך פיל ניט אָרגאַניזירטע יידן־קעמפער אָן געווער, וואָס האָבן ניט געקענט מאַכן דעם לאַנגן וועגן קיין נאַראַטש.

דעם 14טן סעפּטעמבער איז דאָס געטאָ דערשיטערט געוואָרן דורך דער ידיעה, אַז גענס איז דערשאָסן געוואָרן דורך דער „געשטאַפּאָ״ אונטער דער באַשולדיקונג, אַז ער האָט געוואוסט וועגן דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע

און איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן אויפשטאַנד. זיין געהילף דעסלער וואָס האָט אָפן געהאָלפן די דייטשן און איז געווען זייערס אַן אַגענט, איז אַנטלאָפן אין שטאָט, וואו די דייטשן האָבן אים אַנדעקט און געטויט. זיין פּלאַץ אַלס פּאָליציי־פירער האָט איבערגענומען בעניאַקאָנסקי.

דעם 23סטן סעפּטעמבער האָבן די דייטשן דערקלערט, אַז דאָס געטאָ ווערט ליקווידירט, און אַלע די פאַרבליבענע יידן וועלן דעפּאָרטירט ווערן קיין שאוול אין ליטע און קיין עסטאָניע. די קעמפער, וואָס האָבן זיך נאָך געפונען אויף סטראַשונאַ 6, האָבן געפונען אַ וועג דורך די אונטער־ערדישע קאַנאַלן, און זיינען מיט גרויסע שוועריקייטן, אַרויס פון געטאָ אין שטאָט. 4 קעמפער, א. כוואיניק, י. קאַפּלאַן, א. ביג און וויטענבערגס זון, זיינען אַרויס אין אַ שלעכטן אָרט און געעפנט אַ פייער אויף די אַנגעטראָפענע דייטשן. אַן אָפיצער איז געפאַלן אָבער זיי זיינען געכאַפּט און געהאַנגען געוואָרן.

פאַר די קעמפער איז געגאַנגען אַ גרופּע אויסשפּירער: וויטקע קעמפּנער, ש. קאַפּלינסקי ,חיים סאַלץ, אַנגעפירט דורך אַ טאַטער ראַמעק קוזמינסקי. מ׳האָט געדאַרפט אַריבערגיין דעם טייך מערעטשאַנקע. אין דאָרף סאַראַק טאַטאַר האָט זיך אַנגעשלאָסן ד״ר גאַרפינקל מיט זיין פרוי. מ׳האָט אָנ־געטראָפן טיפע, אַמאָל אויך געפערלעכע זומפּן. סוף כל סוף האָט מען דער־לאַנגט צום האַרטן, טרוקענעם שאָסיי־וועג, וואָס האָט געפירט צו די פּאַרטיזאַנער־באַזעס. דאָרטן איז די מידע, אויסגעמאַטערטע טייל באַגעגנט געוואָרן דורך אַ חבר פון פ.פ.א. טעוועק גאַלפּערן, וואָס איז אַרויס מיט געציילטע חדשים צוריק פון ווילנע. ס׳איז געווען די ליטווישע בריגאַדע. לעבן שטעטל רודניק, בראש מיט גאַבריס, אַ קאָמוניסט, וואָס איז גע־ווען פאַרבונדן מיטן אונטערערד אין ווילנע, און אַ גרופּע פון רוסישע פּאַרטיזאַנער־דעסאַנטניקעס, בראש מיטן קאַפּיטאַן אַלעקאַ,ביידע פאַר־מאַציעס האָט שטאַרק געהאָלפן „באַטיאַ״, אַ לעגענדאַרער זקן פון אַלקעניק, מיטן אמתן נאָמען גרוילאָווסקי, פאַר וועמענס קאָפּ די דייטשן האָבן באַ־שטימט 10.000 מאַרק.

די 80־70 יידן פון פ.פ.א. האָבן שוין דאָרטן אָנגעטראָפן 3 גרופּן, וואָס האָבן פאַרלאָזן ווילנע, נאָכן טויט פון שיינבוימען און געשאַפן אַ אייגענע באַזע.

יחיאל (איליאַ) שיינבוים

געבוירן אין אָדעס אין 1914, איז שיינבוים, אַלס קינד, אַוועק מיט זיין משפּחה קיין קאָוועל. צו 12 יאָר איז ער אַריין אין אַ „תרבות"־שולע, און זיך אָנגעשלאָסן אָן דער „פריהייט" (יוגנט־אָרגאַניזאַציע פון פּועלי ציון צ.ס.). צו 16 יאָר אַנטלויפט ער אין קיבוץ קלעסאָוו (וואָלין) (זיין פאָטער איז געווען אַ קעגנער פון ציוניזם, און די פעטערס־אַסימילירט). ער איז אָבער ניט געווען צוגעפּאַסט צו דער שווערער אַרבעט אין די דאָרטיקע שטיין־האַקערייען. דינענדיק שפּעטער אין פּוילישן מיליטער־דינסט, האָט ער באַקומען דעם אָפיציר־ראַנג.

צוריקקומענדיק אַהיים קיין קאָוועל, אָרגאַניזירט שיינבוים סניפים פון „פריהייט" איבער וואָלין, אין 1938־1939 איז ער געווען חבר אין קיבוץ „באָראָכאָוו" אין לאָדזש, — גרעסטער אינדוסטריעלער קיבוץ אין פּוילן.

נאָכן אַריינדרינגען פון די נאַציס קיין פּוילן, האָט שיינבוים אַריבער־געפירט חלוצים קיין ווילנע און זיך באַזעצט אין קיבוץ „שחריה", אויף סובאַטש. ווען ס׳רוב פון קיבוץ פאַרלאָזן ווילנע אין 1940, בלייבט שיינ־בוים איבער, לויטן באַשלוס פון מרכז. צוזאַמען מיט ע. כרוסט און ד. קאַזיבראַדזקי, וואָס איז אָנגעקומען פון וואַרשע, אָרגאַניזירט ער אָפּטיילן פון „פריהייט".

דעם 6טן סעפּטעמבער 1941, ווען מ׳האָט די יידן געטריבן אין ווילנער געטאָ, האָט שיינבוים גערופן צו גיין אין וואַלד. אין געטאָ האָט שיינבוים געאַרבעט ביי די דייטשן אַלס עלעקטראָטעכניקער, און האָט באַוויזן אָנצוקניפּן פאַרבינדונגען מיטן פּוילישן פּראָגרעסיוון אונטער־ערד און אַריינבריינגען פיל רעוואָלווערן און קוילן אין געטאָ.

דעם 1טן סעפּטעמבער 1943 ווען די דייטשן זיינען באַפאַלן דאָס געטאָ, האָט שיינבוים באַלד צענויפגערופן די גרופּן און געהייסן אויס־גראָבן דאָס געווער פון באַהעלטענישן. ער האָט זיך געריסן צו קאַמף און איבערגענומען דעם פּונקט אויף סטראַשונא גאַס 12, דער 2טער פאַר־טיידיקונגס־פּונקט איז געווען אויף סטראַשונא 7, בראש מיט זיסקאָוויטש; דער 3טער אויף סטראַשונא 8, אויסשליסלעך פון שיינבוימס קאַמפּס־גרופּע, בראש מיט אַ. מגיד.

יעקב גענס

יעקב גענס, דער דיקטאַטאָר פון ווילנער געטאָ, האָט געשטאַמט פון קאָוונער ליטע, וואו ער האָט זיך בשעתו, אויסגעצייכנט, אַלס אָפיצער פון דער ליטווישער אַרמיי. גענס האָט געהערט צו דער רעוויזיאָניסטישער באַוועגונג. אַ דאַנק זיינע פאַרבינדונגען מיט ליטווינער, איז ער באַשטימט געוואָרן אַלס קאָמענדאַנט פון דער געטאָ־פּאָליציי אין ווילנע. דעם 12טן יולי 1942, האָט גענס באַקומען אויך דעם טיטול „געטאָ־פאַרשטייער". שפּעטער איז ער באַשטימט געוואָרן, אַלס אָפיציעלער פאַרשטייער פון די געטאָס אין ליטע און ווייסרוסלאַנד. היות ווילנער געטאָ איז דאַן געוואָרן אַ צענטראַלע געטאָ, האָט גענס און זיין פּאָליציי באַקומען די מאַכט אויך אין די אַרומיקע געטאָס און אַרבעטס־לאַגערן. גענס איז געווען פאַרהייראַט צו אַ ליטווישער פרוי, וואָס איז מיט זייער טאָכטער געבליבן אין אַרישן טייל פון ווילנע און ער האָט געקענט, אַ דאַנק זיינע ליטווישע פאַרבינדונגען, בלייבן דאָרטן מיט זיין משפּחה. ער האָט אָבער געוואָלט זיין אין געטאָ און האָט, אַ פּנים, אויך געהאָפט, אַז מיט זיין פּאָליטיק פון נאָכגעבן די דייטשן, און אויספירן שקלאַפיש אַלע זייערע באַפעלן וועט אים געלינגען צו ראַטעווען כאָטש אַ טייל יידן. אין דער היגזיכט איז דער ווילנער געטאָ־דיקטאַטאָר געווען ענלעך צו מ. י. רומקאָווסקי, „קייזער פון לאָדזשער געטאָ" און צו מ. מערין, דיקטאַטאָר פון די געטאָס אין זאַגלעמביע. קיין איינער פון זיי האָט די דייטשן ניט „אָפּגענאַרט" און אַלע האָבן געטיילט דעם גורל פון די אומגעקומענע יידן.

ווען די ווידערשטאַנד־באַוועגונג איז אַנטשטאַנען אין ווילנער געטאָ, האָט גענס געפּרוּווט פירן לגבי איר אַ פרידלעכע פּאָליטיק. און האָט אפילו פּאַראַדירט, אַלס איר סימפּאַטיקער. דער פּאַרטיזאַנער פון סווענציאַן, — משה שוטאַן דערציילט,[41] אַז ווען ער מיט אַנדערע סווענציאַנער זיינען אָנגעקומען קיין ווילנע, אין שליחות פון גענעראַל מאַרקאָוו און זיך באַמיט, אַז די ווילנער קעמפער זאָלן אַרויס אין וואַלד, האָט גענס בעת אַ באַגעגעניש מיט פאַרשטייער פון פ.פּ.א. מסכים געווען, אַז זי זאָל אַרויספירן גרופּנוויז אירע חברים פון ווילנע אין וואַלד. גענס האָט געוואָלט פּטור ווערן אַזוי אַרום פרידלעך פון פ.פּ.א.

ר. קאַרטשאַק דערציילט, אַז ווען פּאַרטיזאַנער האָבן זיך שפּעטער געטראָפן אין דער רודינצקער פּושטשע מיט יורגיסן (זימאַן), האָט ער זיך זייער פאַראינטערעסירט מיטן גורל פון גענסן און האָט געהאַט צער, ווען ער איז דערגאַנגען וועגן זיין טויט. אויף קאָוונערס אָנפראַגע, האָט יורגיס גע־

ענטפערט, אַז גענס, אַלס ליטווישער אָפיציר, האָט געוואוסט וועגן אַ גרויסן באַהאַלטענעם סקלאַד פון געווער, און יורגיס האָט געהאַפּט, אַז מיט גענס הילף וועט מעגלעך זיין אַרויספירן דאָס געווער צום באַנוץ פון די פּאַרטיזאַנער.

קאָוונער האָט זיך דאַן דערמאָנט וועגן אַ שמועס צווישן שטאַב פון פ.פ.א. מיט גענסן וואָס האָט געפּאָדערט אָפּצושטעלן די געפערלעכע אונטערערד־אַרבעט, און האָט גלייכצייטיק דערקלערט, אַז, אַז ווען עס וועט קומען די שעה, וועט ער אַליין שטעלן זיך בראש פון אויפשטאַנד, ווייל ער האָט אַ מיליטערישע דערפאַרונג און וועט אויך געפינען דאָס נויטיקע געווער. די חברים פון שטאַב האָבן זיך באַצויגן צו גענסעס ווערטער, ווי צו סתם באַרימעריי, וואָס דאַרף זיי באַווירקן און געהאַלטן, אַז גענס וויל דערמיט זיך באַרעכטיקן פאַר דער געשיכטע. נאָך יורגיסעס ווערטער, איז קאָוונערן געוואָרן קלאָר, אַז עס איז טאַקע געווען אַן אמת אין גענסעס רייד, און אַז ער האָט געקענט באַוואָפנען מאַסן יידן אין געטאָ און געבן דורך דעם אפשר אַן אַנדערן ריכטונג די געשעענישן. גענס האָט אָבער געגלויבט די דייטשן ביז דער לעצטער רגע און ווען ער האָט אויפגעהערט גלויבן — איז שוין געווען צו שפּעט. „אָבער ניט ווייניקער מאָדנע זעט אויס די האָפנונג פון יורגיסן דעם סאָוועטישן קאָמאַנדיר, וואָס האָט זיך פאַרלאָזן אויף דער נאמנות פון אַ געוועזענעם ליטווישן אָפיציר."[42]

די יידישע אָפּטיילונג „נקמה" אין די נאַראָטשער וועלדער

פון גלאַזמאַנס גרופּע, וואָס האָט פאַרלאָזן ווילנע, איז נאָך די געשעענישן ביי דער בריק איבערגעבליבן פון 35 מאַן, נאָר 13, — דערציילט איינער פון זיי ח. לאַזאַר.[37] אין דער שלאַכט ביי דער בריק, זיינען געפאַלן 3 ליטווישע פּאָליציאַנטן, אייניקע זיינען געוואָרן פאַרוואונדעט. 2 יידן זיינען געפאַלן, די איבעריקע זיינען געכאַפּט און אַריבערגעפירט געוואָרן קיין ווילנע. עס זיינען אָנגעקומען אויך נאָך 3, וואָס האָבן געוואָלט צוריקגיין קיין ווילנע.

מיט דער הילף פון 2 ווייסרוסישע יינגלעך, וואָס האָבן צוגעזען די שלאַכט, האָבן די 10 באַוויזן אַריבערגיין די טייך, האַלטנדיק דאָס געווער איבערן קאָפּ. נאָך פיל וואַנדערונגען זיינען זיי אָנגעקומען אין די נאַראָטשער וועלדער. דער וועגווייזער איז געווען דער שליח פון מאַרקאָווס בריגאַדע, דער סוּוועניציאַנער פּאַרטיזאַנער שייקע גערטמאַן.

דער נאַטירלעכער גרעניץ דאָרטן צווישן דעם פּאַרטיזאַנער־געביט און דעם געביט פון די דייטשן, איז געווען די טייך ווילִיע, וואו די ערשטע האָבן באַוויזן צו פאַרברענען די בריקן, כדי דער דייטש זאָל נִיט קענען אַריינדרינגען אין די וועלדער.

דער נאַראָטשער געביט, באַדעקט מיט אָפּט ניט־דורכגאַנגבאַרע וועלדער האָט, זייט 1941 געדינט, אַלס מקום מקלט פאַר יידן פון פיל אַרומיקע שטעט־לעך. אַהין זיינען געלאָפן יידן פון די שטעטלעך, סוויר, קאָבילניק, דאַלגינאָוו, פון דער ליניע ווילנע־מינסק און פון: פּאָסטאַוו, וואָראָפּאַיעוואָ, קאָזיאַן, מיארי, גלובאָק, ווידז א. אַנד., פון דער ליניע פּאָלאַצק־ווילנע. אין די וועל־דער האָבן אַרומגעוועט ס׳רוב ווילדע גרופּעס פון די אַזוי גערופענע „זעליאָ־נאָוצעס". יידן פון סמאָרגאָן, מיאַדזשאָל א. אַנד., זיינען געקומען אָן געווער און האָבן זיך קאָנצענטרירט אין פאַמיליען־לאַגערן, אויסגעשטעלט אויפן חסד פון די אַרומיקע פּויערים און פון די „ווילדע" גרופּעס, וואָס זיינען געווען אין וואַלד.

די לאַגע האָט זיך געענדערט ווען אין געביט איז אַנטשטאַנען די ערשטע ווייסרוסישע פּאַרטיזאַנער־בריגאַדע. אָנגעהויבן האָט זיך עס פון אַ קליינער גרופּע, בראש מיטן פּאָלקאָווניק פיאָדאָר גריגאָריעוויטש מאַרקאָוו. אַ געוועזענער לערער פון סוּוועניציאַן, האָט מאַרקאָוו זיך געפונען אונטערן איינפלוס פון זיין יידישער פרוי, דער קאָמוניסטין עטל דעסיאַטניק, ער האָט דורכגעמאַכט אַ פּאַרטיזאַנער־שול אין מאָסקווע און איז פון דאָרטן געשיקט געוואָרן צו אָרגאַניזירן די פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג אין ווייסרוסלאַנד, דער

עיקר, אין זײַן געבורטס־געביט אַרום סווענציאַן. ביסלעכווײַז האָט ער אַרײַנגענומען אַהין אויך אַ טייל פון די „ווילדע" גרופּן און אויסגעבויט אַ סאָלידע פּאַרטיזאַנער־קראַפט. אויך יונגע ייִדן פון די פּאַמיליען־לאַגערן פלעגן אָנקומען אין מאַרקאָווס בריגאַדע. מען האָט זיי אַרײַנגענומען אַפילו אָן געווער, און די ייִדן האָבן געשאַפן אַ קאָנטיקן פּראָצענט אין מאַרקאָווס „אָטריאַדן". געווען אויך פאַלן, ווען מ׳פלעגט די אומפּעאיקע צו קאַמף אַריבערפירן איבער דעם פראָנט־ליניע, טיף אין רוסלאַנד.[38])

אָנפאַנג מאַי 1943 איז צו מאַרקאָווס בריגאַדע אָנגעקומען פון ווילנע מאיר חדש פון שטעטל קאָבילניק מיט פיר חברים, זיי האָבן זיך געטראָפן אין וואַלד מיט ייִדן פון קורינעץ און ווילייקע, וואָס האָבן געלעבט אין סוכות און זײַנען געשטאָרבן פאַר הונגער. אַ גרופּע פּאַרטיזאַנער, געוועזענע קריגס־געפאַנגענע, אָנגעפירט דורך מאיאָר טשערקאַסאָוו, זײַנען באַפאַלן די ייִדן, אַפּגענומען דאָס געווער און קליידער און געדראָט מיט טויט. די טשערקאַסאָווצעס זײַנען שפּעטער אויפגעלייזט געוואָרן דורך מאַרקאָון.

ווען די ייִדן אָן געווער זײַנען אָנגעקומען אין דאָרף רוסאַני האָבן זיי דאָרטן געפונען אַ גרופּע פון קאָבילניק אין שרעקלעכן מצב—דערציילט ר. קאַרטשאַק.

דער רוב ייִדן אין נאַראַטשער געביט האָבן זיך בכלל געפונען אין אַ שווערער לאַגע אין פאַמיליען לאַגערן, און האָבן געלעבט אין געצעלטן און אין „זיעמליאַנקעס".

פון דער פ.פ.א. אין ווילנע זײַנען נאָכן אויפשטאַנד אַרויס קיין נאַראַטש 5 גרופּן, צוזאַמען 150 מאַן פירער.

אַ וואָך נאָך גלאַזמאַנס גרופּע, איז קיין נאַראַטש אַרויס אַ גרופּע פון 25 חברים פון דער שיינבוים־גרופּע, בראש מיט לייבל באָס. כמעט אַלע זײַנען אָבער אומגעקומען אין די קאַמפּן אין וואַלד .ביזן 1טן סעפּטעמבער זײַנען אַרויס נאָך 2 גרופּן פון שיינבוימס קאַמפּס־גרופּע, ווי אויך די „גראָדנער" גרופּע.[39])

פון דער גרופּע „עקיבא". בראש מיט שלום זילבער, איז אָנגעקומען בלויז דער באַגלייטער, וו. זיסער, וואָס האָט דערהרגעט 2 פּאָליציאַנטן, די איבעריקע זײַנען געפאַלן.

דער קאָמאַנדיר פון די פּאַרטיזאַנער, מאַרקאָוו, האָט אויפגענומען די ייִדן מיט כבוד.

גלאַזמאַן האָט אויסגעפועלט ביי אים, אַז עס זאָל אויפגעשטעלט ווערן דער ייִדישער אָטריאַד „נקמה". ער האָט זיך אויך געטראָפן מיטן קאָמאַנדיר פון די ליטווישע פּאַרטיזאַנער, דעם ייִדן יורגיס (זימאַן), וועמען ער האָט געקענט פון ליטע נאָך פאַרן קריג, וואָס האָט צוגעזאָגט צו העלפן די ייִדן. דער אָטריאַד, אין דער צאָל פון 70 מאַן, האָט באַקומען אַלס קאָמאַנדיר, דעם ייִדישן קאָמוניסט בוטינאַס פון ליטע, וואָס איז אָנגעקומען פון מאָסקווע

און איז צעטיילט געוואָרן אין צוויי באַטאַליאָנען, בראש פון איינעם איז געווען לאַזאַר פון צוויטען — גיטעלזאָן, און גלאַזמאַן איז געוואָרן פירער פון שטאָב „נקמה״.

דער אָטריאַד האָט זיך באַטייליקט אינעם אָנגריף פון מאַרקאָווס פּאַרטיזאַנער אויפן שטעטל מיאדל. אַ בחור פון מיאדל איז געווען דער וועג־ווייזער און איז דער ערשטער אַריין אין שטעטל און אונטערגעצונדן זיין עלטערנס הויז, וואו עס איז געווען די דייטשע פּאָליציי־סטאַנציע. די אָפּ־טיילונג, אָנגעפירט דורך גלאַזמאַנען איז געווען אינסטרומענטאַל ביים ליקווידירן דעם דייטשן גאַרניזאָן און האָט זיך באַטייליקט אין צעטיילן די דעראָבערטע טראָפייען. דער „אָטריאַד״ האָט זיך אויך באַטייליקט אין אַלגעמיינעם פּאַרטיזאַנישן אָנגריף אויף קאָבילניק, און אונטערגעצונדן דאָס שטעטל, וואָס איז פאַרלאָזן געוואָרן דורך די אַנטלאָפענע דייטשן. מען האָט אויך גענומען אָנטייל אין שטראָף־עקזעקוציעס קעגן פּויערים־מוסרים און באַזונדערס קעגן פּויערים, וואָס האָבן געהאָלפן די דייטשן צו פאַרטיליקן די יידישע שטעטלעך.

אין דער באַזע פון אָטריאַד זיינען אויפגעשטעלט געוואָרן אַ צאָל „זעמליאַנקעס״, אַ באָד, אַ שפּיטאָל, אָנגעפירט דורך פרוי דר. גאָרדאָן פון ווילנע און אַ שפּייז־שפּייכלער פאַר ווינטער. דער „אָטריאַד״ האָט דאַן געצייל 230 מאַן, דערונטער אויך פילע משפחות פון אַרום און אומפעאיקע צום קאַמף. דער עיקר באַוואָפנונג איז באַשטאַנען פון דריי קוילנוואַרפער. געווער איז אָבער בכלל געווען ווייניק. די קעמפער זיינען געווען צעטיילט אין גרופּן צו 30 מאַן.

אין הערבסט 1943 האָבן זיך אין אומגעגנט באַוויזן „ווייסע פּאָליאַקן״. מאַרקאָוו האָט זיך געאײַלט שליסן מיט זיי אַ וואָפן־שטילשטאַנד, כדי צוזאַמען צו קעמפן קעגן די דייטשן. דער שלום האָט אָבער ניט אָנגעהאַלטן לאַנג. ס׳איז געקומען צו אַ צוזאַמענשטויס, מיטן אָנטייל פון „נקמה״, די בריגאַדע האָט דעראָבערט פיל געווער. אָבער די „נקמה״ האָט פון דעם גאַרנישט באַקומען. בוטינאַס איז דערווייל אַריבערגעפירט געוואָרן צוריק אין דער ליטווישער בריגאַדע. זיין אָרט האָט פאַרנומען דער סאָוועטישער ייד באַיאַרסקי, אַן ענערגישער מאַן אָבער אָן אָרגאַניזאַטאָרישע פעאיקייטן.

עס האָט זיך אַנטפּלעקט אַנטיסעמיטיזם צווישן די פּאַרטיזאַנער, וואָס האָבן אויסגענאַרט ביי די יידן זייערע רעוואָלווערן און ניט געגעבן זיי די צוגעזאָגטע ביקסן. יידן פלעגן סתם ווערן באַרויבט, — ביי איינעם האָט מען צוגענומען די שטיוול, ביי אַ צווייטן — אַ רעוואָלווער, ביי אַ דריטן — אַ זייגער, דאָס קלאָגן זיך פאַר דער פּאַרטיזאַנער־אָנפירונג האָט ניט געהאַט קיין פעולה.

דעם 23סטן סעפּטעמבער האָט מען אַלע יידן אַראָפּגעבראַכט צו מאַרקאָוון

און געמאָלדן, אַז זיי דאַרפן אָפּגעבן זייער געווער, ווי אויך געלט און ווערט־פולע זאַכן, כדי מען זאָל איינקויפן נייע געווער. מ׳האָט צוגענומען אויך זייערע גוטע בגדים, שטיוול, געמאַכט רעוויזיעס. שפּעטער האָט מען די קליידער און זייגערס געזען ביי די מיידלעך פון די קאָמאַנדירן און קאָמיסאַרן. יורגיס האָט געטענהט, אַז ער קאָן גאָרנישט טאָן, ווייל די פּאַרטיזאַנער גע־פינען זיך אונטער מאַרקאָווס קאָמאַנדע.

די דייטשע אָבלאַווע — גלאַזמאַנס טויט

צוליב דער גרויסער אָבלאַווע מצד די דייטשן, האָבן אַלע פאַרלאָזן דעם פּלאַץ. יורגיס האָט געגעבן גלאַזמאַנען אויטאָמאַטיש געווער פאַר 10 פון זיבע מענטשן און געעצהט צו גיין קיין קאזיאַן, 120 קלמ. פון נאַראטש, צו די דאָרטיקע פּאַרטיזאַנער־באַזעס. וואוהין אויך ער וועט קומען. אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז יורגיס און זיינע גרופּע זיינען אַוועק אין רודניצקער פּושטשע.

די גרופּע קעמפער, בראש מיט י. גלאַזמאַן, אין דער צאָל פון 18, וואָס איז אַוועק אין דער ריכטונג פון קאַזיאַן, האָט אונטערוועגנס אָנגענומען נאָך 17 מאַן פון דער סביבה. די ליטווישע בריגאַדע האָט זיי אָבער נישט געוואָלט אָננעמען, און גלאַזמאַן איז אַוועק צוריק קיין נאַראטש, בכדי דורכ־שלאָגן זיך אַליין צו די וועלדער פון רודניקי.

געשעען איז עס דעם 7טן אָקטאָבער. אויף מאָרגן האָט זיך די גרופּע אָנגעשטויסן אויף אַ דייטשן לויער און אַלע זיינען אומגעקומען. די טרויעריקע נייעס האָט געבראַכט די איינציקע לעבנס־געבליבענע, יוליע גאָלדבערג פון סוויענציאַן. לויט אירע ווערטער, האָט די שלאַכט צווישן די יידישע קעמ־פער און די דייטשן געדויערט 2 שעה. די יידן האָבן געקעמפט העלדיש קעגן דער איבערוויגענדער קראַפט פון די דייטשן, וואָס זיינען געבראַכט גע־וואָרן צו זייער באַהעלטעניס אין וואַלד דורך פּויערים. געשען איז עס יום־כיפור תש״ד. פּויערים האָבן באַגראָבן די געפאַלענע אין אַ ברודער־קבר. צווישן די געפאַלענע זיינען געווען: גלאַזמאַן, ליובא זיסקאָוויטש, חיים לוסקי, מיכאל קאָוונער, מרים בערנשטיין און מ. עליאַס.

נאָכן אויפלעזן פון דער יידישער באַוואָפנטער איינהייט, זיינען איבער־געבליבן ביי 200 יידן אויפן פּלאַץ. די דערפאַרענע צווישן זיי, וואָס האָבן געקענט די אומגעגנט האָבן זיך געראַטעוועט אין די זומפּן. די ווילנער גופא זיינען געווען ראַטלאָז און זיך געלאָזן גיין, אין קליינע גרופּן, כדי צו געפינען אַנדערע פּאַרטיזאַנער־גרופּן.

אין די קאָזיאַנער וועלדער

די וועלדער פון קאָזיאַן זיינען אַ נאַטירלעכער המשך פון נאַראַטשער וועלדער.

אין יוני 1942 איז אַהין אָנגעקומען די ערשטע פּאַרטיזאַנער־גרופּע, בראש מיט קריסאָוו און פּאָנאָמאַרעוו, אַלס קאָמיסאַר. צו זיי האָבן זיך אָנגעשלאָסן וואַנדערנדע גרופּן, דערונטער אויך אַ גרופּע פון יידן, וואָס קריסאָוו האָט פאַראָרדנט, אַז מען זאָל איר אָפּגעבן דאָס צוגענומענע ביי זיי געווער. די קריסאָוו־גרופּע האָט געהייסן „ספּאַרטאַק".

די בחורים פון דער „פּאָך"־אָפּטיילונג, וואָס איז געשאַפן געוואָרן נאָך דער אַנטוואָפּנונג פון דער יידישער אָטריאַד, האָבן געדאַרפט אַריבערפירן דעם שפּיטאָל און האָבן געהאָפט אַז ווען זיי וועלן אָנקומען אויף דער נייער באַזע פון דער בריגאַדע, וועלן זיי קאָנען אָנשליסן אָן איר. דערגרייכט אַ טרוקענעם אָרט, האָט דער דאָקטאָר זיי דערקלערט, אַז זייער אויפגאַבע איז דערפילט און זיי דאַרפן אַוועקגיין פון דאַנען. די „טרעגער" זיינען איבער־געבליבן אָן געווער אין אַ פרעמדער געגנט און זיך צעשפּרייט צווישן זומפּן.

אין די קאָזיאַנער וועלדער איז אָנגעקומען אויך דער קאָמסאָמאָלסקי־אָטריאַד, בראש מיט שאָולעוויטש־איינהייט וואוהין ס'זיינען אַריין יידישע קעמפער. שאָולעוויטש האָט אָבער באַפוילן די יידן צו פאַרלאָזן די איינהייט. פּאַרטיזאַנער, וואָס האָבן געוואוסט דעם אָרט, האָבן געגעבן די יידן אַן עצה, צו באַהאַלטן זיך אויף אַן אינזל אין די בלאָטעס. ביזן האַלדז אין בלאָטע, האָבן די פאַרבליבענע מיט גרויס אָנשטרענגונג דערגרייכט דעם קליינעם אינזל, וואָס איז פאַר זיי געווען אַ רעטונגס־פּלאַץ.

די דייטשע אָבלאַווע האָט געדויערט אַ וואָך און האָט ניט באַוויזן צו ליקווידירן די פּאַרטיזאַנער. אָבער צווישן די יידן, וואָס מ'האָט געצוואונגען צו בלייבן אין נאַראַטשער וואַלד, זיינען קרבנות געווען פיל מערער, באַזונדערס צווישן די אַנטוואָפנטע און אין די „משפחה־לאַגערן".

די לעבנס־געבליבענע יידן האָבן זיך צוריקגעקערט צו דער באַזע פון „נקמה" און צו אירע כאַטעס, אין דער האָפנונג, אַז די באַציאונג צו זיי וועט ווערן בעסער. די צוריקגעקומענע פּאַרטיזאַנער־גרופּן „פּאַרכאָמענקאָ" א. אַנד. האָבן אָבער צוגענומען ביי די יידן די טירן, פענסטער און אַנדערע בוי מאַטעריאַלן פאַר זיך. דער פּלאַץ, איז בכלל געוואָרן אַ מקום מוכן לפורעניות. ס'איז ניט אַריבער קיין טאָג אָן נגישות. מ'האָט די יידן ניט געוואָלט אָנ־נעמען אַלס קעמפער, און געצוואונגען צו פאַרנעמען זיך בלויז מיט האַקן האָלץ, זאַמלען קאַרטאָפל, שעכטן רינדער, בויען כאַטעס און אויוונס, רייניקן

א. דגל., צאַלנדיק פאַר דעם אָפּט בלויז מיט זופּ און שטיקלעך ברויט, און אַז דאָס פלעגט פעלן, פלעגן די יידן צוריקקומען בכלל הונגעריק.

דער אָנפאַנג אויגוסט 1944 האָט געבראַכט ענדלעך ענדערונגען, ניט בלויז פאַר יידן. די רעאָרגאַניזירונג פון דער פאַרטיזאַנער־באַוועגונג און דאָס שטעלן זי אונטער אַ צענטראַלער אָנפירונג דורך מאָסקווע, האָט אויך אָפּגעשטעלט דעם אַנטיסעמיטישן שטראָם. אַ ספּעציעלע אויספאָר־שונגס־קאָמיסיע פון מאָסקווע האָט פיל מיטגעהאָלפן אין דעם. די פאַרטי־זאַנער־גרופּן האָבן זיך דאַן בכלל באַזעצט אין דערפער, עראָפּלאַנען מיט שליחים און געווער פלעגן אָנקומען און אָפּפליען פעריאָדיש אין באַשטימטע ציטן. איין אַזאַ עראָפּלאַן האָט געבראַכט קיין מאָסקווע דעם דיכטער אברהם סוצקעווער, לויט דער איינלאַדונג פון אַנטי־פאַשיסטישן קאָמיטעט וועמען ער האָט דערציילט וועגן חורבן. סוצקעווער איז געקומען אין וואַלד מיט אַ גרופּע פון פ.פ.א. און איז אַ געוויסע צייט געווען באַשעפטיקט אין אַ ווירטשאַפטלעכער גרופּע נאָך דער אַבלאַווע. אים און ש. קאַטשערגינסקין האָט מען דאַן איינגעלאַדן אין שטאַב פון מאַרקאָוון צו שרייבן די געשיכטע פון זיין בריגאַדע.

אַ נייער „פּאָליטרוק" פון מאָסקווע האָט אויך מבטיח געווען די יידן, אַז זיי וועלן אָנגענומען ווערן, אָן דיסקרימינאַציע אין די קאַמפּס־אָפּטיילונגען. זייער צאָל איז געשטיגן אין די אָטריאַדן „קאַלינין" און „איסטרעביטיעל". דער אָנפירער פון „אָטריאַד" „איסטרעביטעל (פאַרניכטער)" איז געווען פּאַ־דאַלני, — אַ ייד פון מאָסקווע, לויטן פאַך אַן אינזשינער, וואָס איז אַנטלאָפן פון געפאַנגענשאַפט אין דייטשלאַנד. אין זיין איינהייט זיינען געווען פיל יידן. פּאַדאַלני, זיין יידישער קאָמאַנדיר, האָט מיט אַ שטאַרקער האַנט אויסגע־ראָטן יעדן שליאַד פון אַנטיסעמיטיזם. צבי ליפשיץ, יצחק בלאַט, ש. קאַנטאָ־ראָוויטש האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער דרייסטער אַרבעט קעגן דייטשן. פּאַדאַלני איז פאַרוואונדעט געוואָרן בעת אַ שלאַכט.

אין דער טשאַפּאַיעוו־איינהייט פון מאַרקאָווס בריגאַדע האָט זיך באַ־רימט געמאַכט יצחק בלאַט פון גלובאָק, אָנפירער פון אויסשפּיר־אָפּטייל. בלאַט האָט געבראַכט אַ גרופּע באַוואָפנטע וויסרוסן פון 200־150, וואָס האָט אַטאַקירט די דייטשן אויף דער ליניע פּאָסטאַוו־וואַראָפּאַיעוואָ, — ער איז געפאַלן און האָט נאָכן טויט באַקומען דעם אָרדען „העלד פון ראַטן פאַרבאַנד".

אַ גרופּע פון פ.פ.א., אָן געווער, איז איינגעלאַדן געוואָרן צו באַטייליקן זיך אין דער ליטווישער בריגאַדע. בכלל האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָרטן איז דאָ אַ פיל בעסערע באַציאונג צו זעלבסטשטענדיקע יידישע אָפּטיילונגען, ווי צווישן די ווייסרוסישער פאַרטיזאַנער.

די יידן אין די נאַראַטשער וועלדער זיינען, אַגב, אויך באַזוכט געוואָרן

שפּעטער דורך אַ גרופּע פון 15 ווילנער יידן פון דער רודניצקער פּושטשע, וואָס איז געשיקט געוואָרן, כדי אָפּנעמען געווער, וואָס איז אַראָפּגעלאָזט געוואָרן אויף פּאַראַשוטן פאַר די פּאַרטיזאַנער. די ווילנער זיינען אָבער צוריקגעקומען מיט ליידיקע הענט, נאָכן דורכמאַכן אַ געפערלעכן וועג, וואו עס האָבן גראַסירט ווייסע פּוילישע באַנדעס.[40]

די יידן וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער דרייסטקייט, האָבן אָבער ניט זוכה געווען, צוליבן יידישן אָפּשטאַם, צו הויכע אויסצייכנונגען.

די יידישע קעמפער האָבן „ערשט צום סוף קריג זוכה געווען — שרייבט קאַרטשאַק — אויסגלייכן זייערע רוקענס".

די 4 יידישע אָטריאַדן אין רודניצקער פּושטשע

די רודניצקער פּושטשע, 60 קלמ. די לענג און 40 די ברייט, הייבט זיך אָן 15 קלמ. פון ווילנע, און ווערט דורכגעשניטן דורכן שאָסיי ווילנע־גראָדנע. דער צענטראַלער וועג, וואָס פּאַראייניקט די צענדליקער דערפער אין און אַרום דער פּושטשע הייסט דער „פראַנצויזישער וועג", היות נאַפּאָלעאָן און זיינע אַרמייען זיינען מיט אים געגאַנגען קיין מאָסקווע אין י. 1812. פאַרן קריג איז די פּושטשע געווען באַקאַנט, אַ דאַנק די יאַגדן פאַר הויך־געשטעלטע פּערזאָנען, איינגעלאַדען דורך מארש. פּילסודסקי און דעם לעצטן פּוילישן פּרעזידענט מאָשציצקי. ניט ווייט פונעם שטעטל רודניקי געפינט זיך אויך אַ דענקמאָל צום אָנדענק פון די רוסן, וואָס זיינען געפאַלן אין קאַמף קעגן פּוילישן „מיאַטעזש" פון י. 1863.

אין מיטן אויגוסט 1943 איז אַרויס אין דער רודניצקער פּושטשע אַ גרופּע פון 9 מאַן פון די נאַראַטשער וועלדער, דערונטער 5 פון אָטריאַד „נקמה". אַלע באַוואָפנט מיט מאָדערנעם געווער — צווישן זיי אויך דער דערמאָנטער פריער חיים לאַזאַר. די 4 אַנדערע זיינען געווען ליטווישע פּאַראַשוטיסטן פון מאָסקווע. דעם וועג פון 200 קלמ. האָט די גרופּע דורכגעמאַכט, דער עיקר, ביינאַכט. לעבן ווילנע האָבן זיי געמאַכט אַ קרייז, כדי אויסצומיידן די שטאָט.

דעם 11טן סעפּטעמבער איז אַרויס קיין רודניצקער פּושטשע אַ גרופּע פון שיינבוימס אָרגאַניזאַציע פון 25, בראש מיט י. טשוזשאָי, געפירט דורך חיים סאַלץ. דעם 13טן־30 מאַן, בראש מיט אלחנן מגיד, דעם 15טן די לעצטע גרופּע בראש מיט לעאָן בערנשטיין, פּעסיע שיינבוים א. אַנד. — די אַלע 3 גרופּן האָט געציילט 70 פּערזאָן, געניטע אין באַנוצן געווער. זיי האָבן באַלד אויך אויסגעביטן אַ טייל רעוואָלווערן, באַקומען 17 ביקסן און אָנגעהויבן אַ „ווירטשאַפטלעכע טעטיקייט", כדי צו באַקומען שפּייז אין די

דערפער. דאָס איז געווען פאַרבונדן מיט געפאַרן, ווייל די פויערים פלעגן אָפט פאַרמסרן די יידישע קעמפער פאַר די דייטשן. די פויערים האָבן פאַר די רוסישע פאַרטיזאַנער געהאַט מער דרך ארץ און אויך מורא און לייכט נאָכ־געגעבן זייערע פאָדערונגען.

אין לאַגער זיינען ווייטער אָנגעקומען איינצעלנע, אַנטלאָפענע פאַר דער לעצטער שחיטה פון ווילנע, און צום סוף אויך 2 גרופּן פון 50 פּערזאָן, בראש מיט אבא קאָוונער, כיענע באראַווסקא, שמואל קאַפּלינסקי און אהרון אַראָנאָוויטש.

צווישן די יידן און ליטווינער איז געווען אַ גרויסער תהום. צווישן די לעצטע איז געווען אַ קאָנטיקער עלעמענט, וואָס איז פריער באַגאַנגען פאַרברעכנס און איז אַנטלאָפן אין וואַלד, אַ טייל פון זיי האָפענדיק אויך דאָרטן אויף אַ לעבן פון גנבות און רויב.

אין דער זעלבער צייט איז אָנגעקומען פון די נאראטשער וועלדער יורגיס, קאָמאַנדיר פון דער ליטווישער בריגאַדע, צוזאַמען מיט העכער 40 מאַן. דערונטער דער שליח פון מאָסקווע, איסר שמיד, (פּאַרטיזאַנער־נאָמען —דידאַליס). די ניי־געקומענע האָבן גענומען אַריינפירן זייער אָרדענונג אין לאַגער.

די יידן האָט מען פאַרטיילט אין דריי אָפּטיילונגען, בראש מיט אבא קאָוונער, שמואל קאַפּלינסקי (באראַווסקאַס מאַן) און יעקב פּרענער. די פריערדיקע קאָמאַנדירן, נתן רינג און יצחק טוזשאי, זיינען געוואָרן זייערע געהילפן. כיענע באראַווסקא איז באַשטימט געוואָרן, אַלס פּאָליטישער קאָ־מיסאר. די אָפּטיילונגען האָבן געהייסן: „נקמה־נעמער" „צום זיג!" און „טויט די פאַשיסטן!". שפּעטער זיינען צוגאָב־קאָמיסאַרן געווען דידאַליס און בערל שערשעניעווסקי, קאָמוניסטן.

ביי דער בריגאַדע איז אויך געשאַפן געוואָרן אַן „אָפּטיילונג פאַר ספּעציעלע ענינים" בראש מיטן ליטווישן שליח פון מאָסקווע, סטאַנקעוויטש. חיים לאַזאַר באַשולדיקט באראַווסקא, אַז זי האָט געוואָלט אָרגאַניזירן אַזאַ מין אָפּטיילונג אויך צווישן די יידן.[43] ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ שפּיאָנאַזש אין לאַגער, אַגענטן האָבן אונטערגעטראָגן אין שטאַב, וואָס מען רעדט. מ'האָט מורא געהאַט צו ריידן פריי. 2 געוועזענע פּאָליציאַנטן פון געטאָ זיינען דערשאָסן געוואָרן, צוליב זייער עבר. — אין שטאַב איז מען אויך געוואויר געוואָרן וועגן דער אומצופרידנקייט, דער עיקר צווישן די אַלטע עלעמענטן אינעם לאַגער, און מורא געהאַט צו פאַרלירן די גוטע קעמפער.

אַלע יידישע אָפּטיילונגען אין דער צאָל פון 400 קעמפער זיינען אַריינגע־נומען געוואָרן אין דער ליטווישער בריגאַדע. דער שטאַב האָט אויך באַשטימט אַ נייעם פּלאַץ פאַר די יידן, וואָס האָט זיך געפונען עטלעכע קילאָמעטער ווייטער, צווישן זומפּן; אין הינזיכט פון זיכערקייט איז ער געווען גוט,

אָבער האָט ניט געטויגט פאַר אויפשטעלן „זעמליאַנקעס", היות דער באָדען איז געווען דורכגעזאַפּט מיט וואַסער. אויך די שפּייז־באַזאָרגונג איז געווען שווער, און מען האָט די פּראָדוקטן געשלעפּט אויף די פּלייצעס, די פּיס האָבן געזונקען אין טיפער בלאָטע.

צוויי ווילנער מיידלעך, דאבע דעבאַלטאָוו און דינה גרינוואלד, מיט אַרישע פּאַפּירן, זייַנען געשיקט געוואָרן ברענגען נאָך מענטשן פון ווילנע, פון די „קייליס־וואַרשטאַטן". זיי זייַנען געכאַפּט געוואָרן דורך ליטווינער אין שטעטל רודניק, אָבער באַוויזן צו אַנטלויפן און אַריבערברענגען פון ווילנע 2 גרופּן צו 40 פּערזאָן, וואָס האָט געבילדעט דעם אָפּטייל „קאַמף" בראש מיט אַ. אראַנאָוויטש. געהאַט האָבן זיי בלויז 20 ביקסן, עטלעכע צענדליק רעוואָלווערן און אַ קליינע צאָל גראַנאַטן.

טראָץ דעם מאַנגל אין געווער, האָבן די יידן דורכגעפירט אַ ריי אַקציעס, אָנהייב אָקטאָבער 1943 האָט מען חרוב געמאַכט צענדליקער טעלעגראַף־סלופּן אויפן שאָסיי ווילנע־גראָדנע, פּאַרטאַראַסירט מיט בוימער די וועגן קיין רודניק, וואו ס'האָבן זיך קאָנצענטרירט פיל דייטשן, פּאַרלייגט מינעס אויפן שאָסיי און אויף די וועגן א. ד. גל.

צווישן די יידישע קאָמוניסטן איז אָנגעגאַנגען אַ וויכוח, וואָס האָט געדראָט דעם עצם עקזיסטענץ פון די יידישע אָטריאַדן. בערל שערשעניעווסקי האָט געהאַלטן, אַז עס איז נישטאָ קיין יסוד פאַר באַזונדערע נאַציאָנאַלע לאַגערן און אַז מ'דאַרף אויפלעזן די יידישע לאַגערן און אַריינגעמען די יידן צווישן די גויים. קעגן דעם איז געווען כיענע בעראַוווסקאָ און איר גרופּע, וואָס האָט געהאַלטן, אַז די עקזיסטענץ פון באַזונדערע יידישע לאַגערן פאַרגרעסערט די אויסזיכט פון דערנעענטערן יידן צום קאָמוניזם, וואָס עס איז ניטאָ אין לאַגערן, בראש מיט אַ גוישן אָנפירער, דערצו אַמאָל אַן אַנטיסעמיט. בעראַוווסקאָ האָט אויך מצליח געווען אַריבערצוציען צו איר שטאַנדפּונקט דעם שטאַב פון דער גאַנצער בריגאַדע, און אַזוי אַרום זייַנען אַ דאַנק איר, געבליבן עקזיסטירן ביזן סוף פון קריג אין דער רודניק־פּושטשע אַ יידישער לאַגער און אָטריאַדן, — „אַ גאָר זעלטענע דערשיי־נונג אין דער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג פון 2טן וועלט־קריג.[44]

די יידישע באַזע איז ביסלעכוויַיז געוואָרן שטאַרק באַקאַנט צווישן אַלע פּאַרטיזאַנער, אויך אַ דאַנק דער טעטיקייט פון ד"ר שלמה גאַרפינקל און זיין פרוי עמא וואָס האָבן אָרגאַניזירט צוזאַמען מיט דער ווילנער „בוירס" חנה אזנוט אַ „אַמבולאַטאָריע", וואָס האָט געגומען ציען צו זיך פאַרוואונדעטע און קראַנקע פון אַלע טיילן פון דער פּושטשע. ער האָט אויך געשאַפן אַ מרחץ און בכלל געקעמפט מיט דערפאַלג קעגן דער לייז־אָנשיקעניש אין לאַגער. פון דער אַנדער זייט, האָבן די מיטגלידער פון דער ווילנער יידישער משפּחה פענעאוסאָוו, געהאַט שטענדיק פול זייערע הענט מיט אַרבעט, ביים

פאַרריכטן כלערליי מינים געווער. דערביי פלעגן זיי אויך באַרייכערן דעם געווער־זאַפּאַס פון די יידן מיט אויסגעבעסערט געווער, וואָס אַנדערע האָבן שוין געוואָלט אָוועקוואַרפן. דער פאַטער פּענעוסאָוו מיט זיינע 2 זין האָבן באַוויזן אַפילו צו מתקן זיין שווער געווער, וואָס איז אַראָפּגעלאָזן געוואָרן דורך פּאַראַשוטן, צונויפשטעלן מינעס, וואָס די דייטשן האָבן ניט געקענט פאַנאַנדערנעמען א. אַז.

זייער אַ גרויסן איינדרוק האָט געמאַכט אין דער בריגאַדע די דרייסטע סאַבאָטאַזש־אַקציעס פון די פּאַרטיזאַנערינס חיה שאַפּירא און וויטקע קעמפּנער, וואָס האָבן אויפגעריסן עלעקטרישע טראַנספאָרמאַטאָרן אין ווילנע און פון מתתיהו לעווין און ישראל ראזאוו, וואָס האָבן אויפגעריסן די וואַסער־אינסטאַלאַציעס דאָרטן דעמזעלבן אָוונט, און פאַראורזאַכט אין ווילנע צו אַ מאַנגל אין וואַסער און צו שטאָק־פינסטערניש. די ביידע מיידלעך האָבן אויך געבראַכט מיט זיך אין דער פושטשע 60 יידן פון „קייליס״־וואַרשטאַטן. די פּאַרטיזאַנער האָבן אויפגענומען די אָנגעקומענע מיט גרויס התלהבות, הגם די מענטשן זיינען געווען אָן געווער. די אָנפירונג האָט אָבער דאָן פאַר־פאָראָרדנט ניט צו ברענגען נייע גרופּעס פון דער שטאָט.

געווען אויך כסדר רייבונגען. יידן, וואָס האָבן זיך ניט צוגעוואוינט צום לעבן אין וואַלד, זיינען אַפילו אַוועק צוריק, און איניקע זיינען געפאַלן אין וועג. דער שטאַב האָט דאָן פאַרעפנטלעכט אַ באַפעל, אַז אַזעלכע מענטשן זיינען פאַררעטער און אויך דייטשע אַגענטן, וואָס ער איז מודיע די קאָמוניסטן אין ווילנע.

מען זאָגט זיך אויך אָפּ אַריינצונעמען אין לאַגער אַ גרופּע פון 28 יידן־קעמפער, וואָס זיינען נאָך פריער געווען אין דער פושטשע. ביי אַנדערע, צוגעקומענע יידן וויל מען צונעמען דאָס געווער. דריי אַזעלכע פּאַרטיזאַנער ראַטעווען זיך נאָר אַ דאַנק דער אַריינמישונג פונעם אָנפירער פון אַ גרופּע רוסישע פּאַרטיזאַנער, אַלעקאָ, וואָס דראָט די ליטווינער מיט קאַמף. די דריי, מיט זייער קוילנוואַרפער, שליסן זיך אָן אין זיין רוסישער גרופּע.

דער מאַרש צו דער נאַטשער פושטשע

כדי פּטור צו ווערן פון די אומצופרידענע, האָט די אָנפירונג פון דער בריגאַדע פאַראָרדנט אַ טייל מענטשן צו פאַרלאָזן די פושטשע און אַריבער־צוגיין אין דער נאַטשער פושטשע, 100 קלמ. ווייטער, צווישן איישישאַק און ראַדון. מ׳האָט דערמיט געוואָלט פאַרקלענערן די צאָל יידן, וואָס האָט דאָן דערגרייכט ביז 400, מיטן אויסרייד, אַז עס איז נישטאָ גענוג שפּייז פאַר אַלעמען און אַז עס דראָט אויך אָן אָבלאַווע מצד די דייטשן, וואָס איז

באַזונדערס געפערלעך פאַר די יידן, היות אַ גרויסער טייל פון זיי איז אַן געווער.

111 פאַרטיזאַנער, דערונטער 35 פרויען, צעטיילט אין 2 פלוגות, בראש מיט ש. בראַנד און א. אראנאַוויטש, מיט ב. שערשענעווסקי, אַלס פּאָליטישער קאָמיסאַר און הויפּט פון דער גרופּע, און ח. לאַזאַר, אַלס אָנפירער פון די אויסשפּירער און רוסישן לייטענאַנט קאַליא, אַלס וועגווייזער, האָבן זיך דעם 3טן נאָוועמבער 1943 געלאָזן אין וועג אַריין, נאָך אַ פּאַראַד און אַ הייסער געזעגענונגס־רעדע פון בריגאַדע־קאָמאַנדיר, גאוורים. לאַזאַר האַלט, אַז מ׳האָט געוואָלט פּטור ווערן פון בראַנדן, אַ דרייסטן קעמפער און גרינדער פון „שיינבוימס גרופּע״ און פון אראנאַוויטשן, אַ „בונדיסט״.

דער וועג איז געווען אַן אויסערגעוויינלעך שווערער, און בלויז אַ דאַנק דעם אײשישקער 17 יאָריקן בחור ישראל שמערקאָוויטש, וואָס איז געווען אויסגעבונדן מיט דער געגנט און דעם דרייסטן קעמפער רובקע, איז דער גרופּע, נאָך פיל מאַטערנישן, געלונגען צו קומען 3 קלמ. נאָענט צו דער נייער באַזע. זיי זיינען אָבער דערגאַנגען, אַז די פּאַרטיזאַנער, וואָס זיינען דאָרטן געווען ביז איצט, בראש מיטן קאָמאַנדיר סטאַנקעוויטש, זיינען צעקלאַפּט געוואָרן און קוים אַרויסגעריסן זיך פון דער דייטשער אַרומרינגלונג.

פון דעם צוריקגעקומענעם אַראַנאַוויטש, וועלכן מ׳האָט פאַרלאָרן אונטער־וועגנס פריער, איז מען דערגאַנגען די ביטערע נייעס, אַז אין דער פּושטשע האָט מען דערשאָסן רינגען און 3 זיינע חברים, ווייל זיי זיינען געווען אַמאָל פּאָליציאַנטן. צווישן די ליטווינער און ווייסרוסישע פּאַרטיזאַנער זיינען געווען פיל געוועזענע פּאָליציאַנטן, וואָס האָבן פריוויליק געאַרבעט מיט די דייטשן. לאַזאַר גיט צו, אַז אין ווילנע שפּעטער נאָך דער באַפרייאונג, האָבן שערשעניעווסקי און אַנדערע קאָמוניסטן מודה געווען, אַז מ׳האָט רינגען און זיינע חברים ניט געדאַרפט טויטן, בפרט אַז עס זיינען ניט געווען קיין באַווייזן קעגן זיי. צו יידן פלעגט מען זיך אָבער בכלל טשעפּען ביי יעדער קלייניקייט.

אַראַנאַוויטשעס שרעקלעכע דערציילונג האָט געווירקט, אַז די יידן זאָלן באַשליסן צו פאַרבלייבן אין די וועלדער פון מיזאַנצע. מ׳האָט זיך אָנגעהויבן איינאָרדענען, געשיקט גרופּן צו קריגן שפּייז, געבויט געצעלטן. 7 טעג האָבן זיי ניט געהאַט קיין געקעכטס און געלעבט בלויז מיט ברויט און וואַסער.

דער מצב איז בכלל געוואָרן אַלץ ערגער און ערגער. בראַנדס גרופּע איז צוליבן אָנפאַל פון פּאָליאַקן, ניט צוריקגעקומען מיט שפּייז. מ׳האָט שוין פאַרגעסן וועגן הונגער און נאָר געציטערט פאַרן לעבן. מ׳האָט צעשטעלט וואַכן און דערקלערט קריגס־גרייטקייט. מיט דער הילף פון דערמאָנטן שמערקאָוויטש, האָט מען אָבער באַוויזן אַרומגיין די פּוילישע פּאָזיציעס, אויסמיידן די דראָענדע געפאַר און געפינען אַ פּלאַץ פאַר אָפּרו.

שערשעניעווסקי וויל אָבער ניט גיין צוריק אין דער פּושטשע, ווייל ער האָט מורא, זיך מודה זיין פאַרן שטאַב אין זיין דורכפאַל. ער באַשליסט דעריבער, אַז אַ גרופּע פון 18, דערונטער אַלע קאָמאַנדירן, זאָלן גיין צוריק אין דער רודניצקער פּושטשע, און די איבעריקע זאָלן זוכן אָרט פאַר בייע באַזעס. עס אַנטשטייט אַ גרויסע מבוכה. די 18 גייען אַוועק אין זייער וועג, מיט 4 ביקסן. שפּעטער זיינען אַוועק נאָך זיי שערשעניעווסקי מיט 40 מענטשן, וואָס האָבן זיך אָנגעשטויסן אויף פּאַליאַקן און אָנגעקומען אין 3 טעג אַרום, הונגעריקע און אָפּגעריסענע אין דער רודניצקער פּושטשע. מ'האָט זיי באַשולדיקט אין מפקיר זיין 80 פּאַרטיזאַנער און אַנטוואָפנט. שערשעניעווסקי האָט זיך אָפּגעזאָגט געבן ס'געווער און געדראָט מיט זיינע מענטשן מיט אַ ברודער־קריג. דער שטאַב האָט זיך צוריקגעצויגן און האָט באַשלאָסן צו פאַרטיילן די מענטשן צווישן אַלע יידישע אָטריאַדן.

אַנטלאָפענע פון פּאָנאַר און פון קאָוונע קומען אין דער פּושטשע

אָנפאַנג פרילינג 1944 זיינען אין דער פּושטשע אָנגעקומען נאָך צוויי יידישע גרופּן, פון 9טן פאָרט אין קאָוונע און פון פּאָנאַר. די דאָזיקע יידן זיינען געווען דאָרטן באַשעפטיקט ביים פאַרברענען די קערפּערס פון די אומגעבראַכטע יידן, — אַן אַרבעט, וואָס די דייטשן האָבן אָנגעהויבן אין זומער 1943, כדי פאַרווישן די שפּורן פון זייערע מערדערייען אין די ביידע, באַקאַנטע פּונקטן פון שרעקלעכע מאַסן־שחיטות.

די ביידע גרופּן האָבן זיך געראַטעוועט פון דאָרטן ממש מיט נסים, נאָכן ליידן גרויסע פאַרלוסטן ביים אַנטלויפן. די גרופּע פון קאָוונע איז אַנטלאָפן, —נאָכן דורכגראָבן אַ טונעל, אָנגעפירט דורכן קאַפּיטאַן וואַסי־לענקאָ. די גרופּע פון פּאָנאַר האָט דערציילט, אַז דאָרטן האָט מען פאַרברענט 60,000 טויטע גופים, אויך זי האָט זיך געראַטעוועט דורך אַן אויסגעגראָבענעם טונעל. „וואָכנלאַנג האָבן די פּאָנאַרער ניט געקענט רוען, ווייל זיי האָבן אַלץ געפילט דעם ריח פון מתים און פאַרברענטע גופים. ס'איז אַוועק אַ צייט ביז זיי זיינען אַרויס אין אַקציעס און זיך אויסגעצייכנט אין קאַמף, היות אין זייער האַרץ האָט געברענט דאָס פייער פון נקמה פאַר די גרוילן, וואָס זיי האָבן געזען מיט זייער אויגן", — שרייבט ח. לאַזאַר.[46]

***

די צווייטע נאַכט פּסח תשד איז ענדלעך אָנגעקומען דאָס צוגעזאָגטע געווער פון מאָסקווע וואָס איז אַראָפּגעלאָזן געוואָרן אין וואַלד דורך פּאַראַ־שוטיסטן. דאָס געווער איז פאַרטיילט געוואָרן צווישן אַלע לאַגערן. די יידן וואָס האָבן לאַנג געטרוימט וועגן אַ „שפוך־חמתך", האָבן געזען אַ סימן טוב אין דעם, וואָס דאָס איז געווער איז אָנגעקומען דווקא אום פּסח. אָנגעקומען

זיינען צענדליקער ביקסן, אויטאָמאַטן, קוילנוואַרפערס, צום ערשטן מאָל — אויך אַנטי־טאַנק־געווער. דער ערשטער קאַמף מיטן דאָזיקן געווער קעגן אַ געפּאַנצערטן דייטשן צוג אויפן וועג ווילנע־גראָדנע, האָט דעריבער געבראַכט די יידן אַ גרויסן נצחון.

אין דער זעלבער צייט האָבן די פּאַרטיזאַנער אויך באַקומען אַ גרויסן סכום אויפרייס־מאַטעריאַלן, וואָס עס האָט דערמעגלעכט אויסצוברייטערן די סאַבאָטאַזש־אַרבעט. בעת איינער פון די סאַבאָטאַזש אַקציעס, ביי אייזנבאַן־רעלסן, אָנגעפירט דורך אַ גרופּע יידן, בראש מיט לאַזאַרן, איז ער פאַרוואונדעט געוואָרן.

די פּאַרטיזאַנער האָבן בכלל געפירט דרייערליי קאַמפן: פאַר שפּייז, כדי צו פאַרזיכערן זייער פיזישע עקזיסטענץ; סאַבאָטאַזש־אַקטן אויף וועגן, אייזנבאַן און שאָסייען, און אויך אָפענע שלאַכטן ביים באַפאַלן דייטשע און פּאָליצײ־וואַכן.

דער ערשטער קאַמף, דער עיקר, קעגן פּויערים, וואָס אַרבעטן מיטן אָקופּאַנט, האָט זיך אַרויסגעוויזן צו זיין אַפילו געפערלעכער ווי קעגן דייטש, ווייל זיי האָבן געוואוסט אַלע וועגן און שטעגן און פלעגן זיך אָנשליסן, ס׳רוב ביינאַכט אין כלערליי כנופיות, וואָס פלעגן באַפאַלן די פּאַרטיזאַנער.

פונעם פאַרעפנטלעכטן טייל פון טאָג־בוך פון די אַקציעס פון „הנוקם",[47] וואָס נעמט אַרום דעם פּעריאָד פון 7טן אָקטאָבער 1943 ביזן 8טן יולי 1944, קאָן מען זען, אַז אין אַקציעס אין דער פּושטשע האָבן זיך באַטייליקט גרופּן פון אַלע 4 יידישע אָטריאַדן. די אַקציעס נעמען אַרום: דאָס איבעררייסן טעלעגראַף־און טעלעפאָן־פאַרבינדונגען אויף פאַרשיידענע ליניעס אַרום ווילנע; דאָס אויפרייסן בריקן און שעדיקונג פון לאָקאָמאָטיוון און צוגן; דאָס דעראָבערן געווער אין פאַרשיידענע דערפער; אויפרייס פון אייזנבאַנען; כאַפּן פּראָוואָקאַטאָרן און קאָלאַבאָראַנטן; לויערן און שלאַכטן, מיט דייטשע גאַרניזאָנען אין דערפער; דאָס אַריבערברענגען גרופּן און יחידים פון ווילנע, ווי אויך באַוואָפנונג אין דער פּושטשע וכדומה.

אַלס אָנפירער פון די אַקציעס ווערן דערמאָנט, חוץ די אויבן־אויסגערעכנטע קאָמאַנדירן: שלמה בראַנד, ליפּענהאָלץ, חיים לאַזאַר, א. מגיד, א. טשוזשאָי, פּעטראַיטיס, נתן צעלניק, ב. לעווין, נ. רינג, א. אַראָנאָוויטש, דידאַליס־שמיד און יעפרעמאָוו.

רייבונגען און חלופי גברא אין יידישן לאַגער

צווישן די יידישע פּאַרטיזאַנער אין דער פּושטשע איז ניט געווען קיין פּולער שלום. און ווי לאַזאַר דערציילט, איז אינעם יידישן לאַגער געווען אַן אומצופרידנקייט, דער עיקר מיט דער אָנפירונג.

בעת דער סעלעקציע פון אַראָפּגעלאָזענעם געווער, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אַ טייל פון אים איז נעלם געוואָרן. מ׳האָט חושד געווען די יידן. דער שטאָב פון דער בריגאַדע האָט באַשלאָסן אַראָפּצוזעצן דעם יידישן שטאַב, וועלכע מ׳האָט דעגראַדירט צו פּשוטע פּאַרטיזאַנער.[48]

שלמה בראַנד, איז אָבער דאַן געוואָרן די רעכטע האַנט פון נייען קאָמאַנדיר, דעם ליטווינער פּעטראַיטיס, וואָס הגם אַ קאָמוניסט, האָט ער אָנערקענט פּעאיקייטן און ניט פּאַרטיי־אָנגעהעריקייט. אויך אלחנן מגיד איז באַשטימט געוואָרן אַלס אָנפירער פון דעם אויסשפּירער־אָפּטיילונג און אינפאָרמאַציע־דינסט. דאָס האָט אַריינגעבראַכט אַ נייען גייסט אין לאַגער און פאַרבעסערט דאָרטן דעם מצב הרוח.

די לאַגע האָט זיך בכלל שטאַרק געענדערט צו יענער צייט. זייענדיק כסדר אָנגעגריפן אויפן פראָנט, האָבן די דייטשן דערפילט אַז עס ברענט זיי דער באָדן אונטער די פיס אויך אין רוקן. די דייטשן זיינען געווען געצוואונגען געוואָרן אָפּצושטעלן יעדע באַוועגונג ביינאַכט אויף די שאָסייען און אייזנבאַנען, ווייל צענדליקער באַנען מיט מיליטער זיינען אויף זייער מאַרשרוט צום פראָנט, אויפגעריסן געוואָרן דורך די פּאַרטיזאַנער. דאָסזעלבע איז געשעען מיט סקלאַדן פון געווער און מיט מיליטערישע פאַבריקן. פּאַרטיזאַנער רייסן איבער די טעלעגראַף־פאַרבינדונג צווישן ווילנע, גראָדנע, לידע, אָראַן און אַנדערע פּלעצער. ווילנע איז ניט איין מאָל אָפּגעריסן געוואָרן צוליב דעם פון דער אויסערלעכער וועלט. אויף הונדערטער קילאָמעטערן פילן די דייטשן די האַנט פון די פּאַרטיזאַנער און זיינען געצוואונגען האַלטן שטאַרקע כוחות צו באַוואַכן די וועגן, ווען יעדער סאָלדאַט איז אַזוי נויטיק אויפן באַדראָטן פראָנט.

די דייטשן האָבן דאַן קאָנצענטרירט גרויסע כחות, מיט טאַנקען, עראָפּלאַנען און שווערער אַרטילעריע קעגן די פּאַרטיזאַנער, וואָס באַדראָען זייער רעגלמעסיקן צוריקטריט. כדי אויסמיידן אַן אַרומרינגלונג, האָט דער בריגאַדע־שטאַב פאַראָרדנט צוריקציען זיך צו די נאַראַטשער וועלדער. די „אָבלאַווע" איז אָבער ניט געקומען צושטאַנד: די דייטשן האָבן געדאַרפט אַריבערוואַרפן זייערע כוחות צום באַדראָטן פראָנט. די פּאַרטיזאַנער האָבן דאַן פאַרשטאַרקט זייער טעטיקייט און דורכגעפירט אַ צאָל אַקציעס קעגן ערטער, מיט דייטשע גאַרניזאָנען און וואַכן. אַ יידישע איינהייט איז

אַריינגעדרונגען אין שטעטל רודניקי, מיט איר דייטשן גאַרניזאָן, פאַרברענט די בריק, אָנגעגריפן די פּאָליציי־סטאַנציע און תפיסה און פאַרשאַפט דעם פיינט פיל פאַרלוסטן.

ווען די ליטווינער האָבן געוואָלט צוציען פּאָליאַקן, כדי גע־מיינזאַם אָפּנעמען ביי די דייטשן דאָס שטעטל רודניק, האָבן די פּאָליאַקן געשטעלט אַ באַדינג, אַז עס זאָל ניט זיין קיין ייד דערביי. די יידן זיינען אָבער אַריין קיין רודניק, בשעת די פּאָליאַקן זיינען געווען אויף דער 2טער זייט בריק, דער ליטווישער קאָמאַנדיר גאוורים האָט זיך דאַן געקלאָגט, אַז די יידן האָבן אים געצוואונגען צו קאַמף קעגן די פּאָליאַקן. (געווען איז עס בעת דער לעצטער פאַזע פון קאַמף אין דער פּושטשע, ווען די פּאַרטיזאַנער האָבן שוין מאַרשירט אויף ווילנע).

די יידן האָבן בכלל געהאַט אַ גרויסן חלק אין דער אַרבעט, וואָס האָט אַריינגעטראָגן אַ גרויסע צעמישונג אין די רייען פון שונא און צוגעאיילט זיין מפּלה. זייער מצב הרוח האָט זיך באַזונדערס געשטאַרקט, ווען עס איז אָנגעקומען די נייעס וועגן דער שאַפונג פון דער יידישער בריגאַדע. דעם 23סטן יוני איז אָנגעקומען די ידיעה, אַז די רוסן האָבן דער־אָבערט וויטעבסק. דער פראָנט האָט זיך שנעל דערנעענטערט צו דער פּושטשע. אַלע אָפּטיילן זיינען געבראַכט געוואָרן אין אַ געהעריקן מצב, כדי דורכ־ברעכן, אין פאַל פון נויטווענדיקייט, די דייטשע ליניעס.

אין די לעצטע טעג האָבן די פּאַרטיזאַנער געפּרואווט ראַטעווען די 1500 יידן, וואָס זיינען נאָך פאַרבליבן אין ווילנע, אין די „הערעס־קראַפט־וואַרשטאַטן". ביי אַזעלכע פּרוּוון איז פריער געפאַלן סאָניע מאַדייסקער און אַנדערע, וואָס האָבן פאַרבונדן דעם וואַלד מיטן ווילנער אונטער־ערד. די אונטער־ערדישע גרופּע אין די וואַרשטאַטן האָבן געמאַכט אַ טונעל, וועלכן די דייטשן האָבן אַנטדעקט מיט דער הילף פון זייער יידישן אַגענט, דרייזין. עס האָבן זיך געראַטעוועט אין זייערע באַהעלטעניש נאָר 200 יידן. דעם 2טן יולי 1944 האָבן די דייטשן ליקווידירט די „קייליס" וואַרשטאַטן, געראַטע־וועט האָבן זיך בלויז ד"ר בוראַק און לעאָן זלאַטקאָוויטש.

די לעצטע קאַמפּן אונטער ווילנע

דערשיטערט דורך דער ידיעה וועגן אומקום פון די לעצטע ייִדן אין ווילנע, האָבן די פּאַרטיזאַנער אין וואַלד דערהאַלטן די נייעס, אַז די דײַטשן פֿאַרלאָזן די שטאָט און אַז די ערשטע לויפֿן די אָפּיצירן מיט זייערע משפּחות. אַ גרופּע קעמפֿער פון אָטריאַד „צום זיג" האָט דאַן געפּרואווט אונטערלייגן אַ מינע אויף דער באַן 15 קלמ. פון שטאָט. זי האָט אָבער ניט אויפגעריסן. י. וואַרשאַווטשיק, מ. ליכטענזאַן און ש. לוסקי זיינען דאַן אַרויס נאָך אַמאָל בייַנאַכט און אונטערגעלייגט נאָך אויפרייס־שטאָף צו דער באַהאַלטענער מינע. שפּעטער איז באַקאַנט געוואָרן, אַז אַ גרויסער צוג מיט הונדערטער אָפיצירן און אַ מיליטערישן שפּיטאָל, איז אַרויף אויף דער מינע און צעריסן געוואָרן.

פאַרן אַרייַנגייען אין ווילנע, האָט אויף אַלע באַזעס פון דער בריגאַדע געהערשט אַ גרויסע שמחה. מ׳האָט געטרונקען בראַנפן, געשאָסן אין דער לופטן, געבראַכן פלעשער א.ד.גל. בלויז אויף דער יידישער באַזע — דערציילט קאַרטשאַק — איז געווען שטיל. דער עולם האָט מיט טרויער דערוואַרט צו זען דאָס בילד פון דער חרובער ירושלים דליטא.

אַלע פּאַרטיזאַנער־אָפּטיילונגען, באַוואָפנט מיט זייער בעסטן געווער האָבן דעם 8טן יולי 1944 אַרויסמאַרשירט צו דער שטאָט, וואָס איז באָמבאַ־דירט געוואָרן דורך רוסישע עראָפּלאַנען און געווען באַדעקט מיט וואָלקנס פון די גרויסע אויפרייסן וואָס די דייטשן האָבן דורכגעפירט פאַר זייער פאַרלאָזן ווילנע.

די ווייניקע יידן, וואָס זיינען צוריקגעקומען קיין ווילנע — פון די פּאַרטיזאַנער־לאַגערן און פון וויטן רוסלאַנד — האָבן געפונען ירושלים דליטא אין אַ חורבן און אָבלדיקן מצב. נאָך פיל הונדערטער יאָרן, איז ווילנע, ירושלים דליטא, די קרוין פון גלות־יידנטום, געווען אָן יידן.

ח. לאַזאַר ברענגט אויך די רשימה פון אַלע יידישע פּאַרטיזאַנער פון דער רודניקער פושטשע און אַן „ערן־ליסטע" מיט די נעמען פון יענע, וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט אין די קאַמפן, ווי אויך אַ ליסטע פון זיינע חברים פון בית״ר אין ווילנער געטאָ.

3 טעג נאָך דער באַפרייאונג פון ווילנע, האָט קאָוונער געבעטן יורגיסן אַראָפּלאָזן יידן מיט דעסאַנטן אין דייטשלאַנד. יורגיס האָט אָפּגעזאָגט מיטן מאָטיוו, אַז „אַזעלכע יידן זיינען אונדז נויטיק דאָ, כדי צו באַנייען דעם לעבן".

די חברים פון „השומר און „דרור" האָבן געווענדעט זייערע אויגן אין אַן אַנדער ריכטונג. קאַרטשאַק און ד״ר ש. אמאַראַנט זיינען אַרויסגעפאָרן מיט

פאַלשע דאָקומענטן קיין טשערנאָוויץ, כדי צו זוכן אַ וועג קיין קאָנסטאַנצע, דורך וואַנען מ'וועט קאָנען פאָרן קיין ארץ ישראל. פאַרן אַוועקפאָרן האָבן זיי נאָך געטראָפן אין ווילנע קושניראוון, וואָס האָט מיט טרערן אַרומגענומען די פּאַרטיזאַנער און ערענבורגן. די יידן האָבן געוואָלט ענדלעך פאַר־ווירקלעכן זייער טרוים, וועגן וועלכן זיי האָבן געזונגען ביי די שייטערהויפנס אין די לאַנגע נעכט אין וואַלד, וואו ס'האָבן געקלונגען סאָוועטישע און אויך יידישע לידער.

***

דער ווידערשטאַנד פון די יידן אין ווילנע איז ווי געהעריק אָפּגעשאַצט געוואָרן אויך דורך די אָפיציעלע פאַקטאָרן, נאָך דעם ווי די שטאָט ווילנע איז צוריק דעראָבערט געוואָרן פון די דייטשע אָקופּאַנטן. דעם 9טן יולי 1945 איז אין דער אָפיציעלער צייטונג פון ליטע פאַרעפנטלעכט געוואָרן די רעדע פון הויפּט פון דער ליטווישער רעגירונג, פּאַלעצקיס, וואָס אַנטהאַלט אויך אַ טייל, געווידמעט דעם קאַמף פון די ווילנער יידן. מיר ברענגען ווייטער די איבערזעצונג פון דעם רוסישן אָריגינאַל פון פּאַלעצקיס ווערטער וועגן די יידן, וואָס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין „ספר הפארטיזנים היהודים" (ב. ו, ז' 158).

„אַ העלדישן קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון דעם קאַמף פון ווילניוס קעגן די דייטשע אָקופּאַנטן האָט אַריינגעשריבן דאָס ווילניוסער יידנטום. יידן זיינען ניט געגאַנגען צום טויט שטיל, זיי האָבן העלדיש געקעמפט קעגן דייטשע פאַרכאַפּער. אין ווילניוסער געטאָ איז געווען אָרגאַניזירט אַ פאַרטי־זאַנער־אָטריאַד בראש מיטן אַרבעטער וויטענבערג. נאָכן אַרויסרייסן זיך פון געטאָ, האָבן יידן־פאַרטיזאַנער אַראָפּגעלאָזן פון רעלסן אַ מיליטעריש עשעלאָן, אויפרייסנדיק איבּ מיט אייגן־געמאַכטע מינעס, וואָס זיינען אויסגע־פּערטיקט געוואָרן אין געטאָ גופא. פאַרטיזאַנער האָבן אָרגאַניזירט אַ ריי דיווערסיע־אַקטן אויף די סקלאַדן פון קריגס־אַמוניציע, און אויף די אונטער־נעמונגען, וואו זיי האָבן געאַרבעט. ריזיקירנדיק מיט לעבן, האָבן זיי געגעבן הילף צו קריגס־געפאַנגענע, צו די פרויען און קינדער פון סאָוועטישע סאָלדאַטן און קאָמאַנדירן. אינעם טאָג פון דער ענטגילטיקער ליקווידאַציע פון געטאָ, האָט אַ גרופּע יידישע פאַרטיזאַנער זיך דורכגעשלאָגן פון די וועלדער, זיך פאַראייניקט מיט זייערע ליטווישע ברידער און פאַרגעזעצט דעם קאַמף. היינט נעמען זיי מיט פרייד אויף, צוזאַמען מיט ליטווישע פאַרטיזאַנער, די רויטע אַרמיי אויף דער באַפרייטער ליטווישער ערד".

פאַרוואָס איז ניט געווען קיין יידישע פאַרטיזאַנער־בריגאַדע?

4 יידישע אָטריאַדן אין דער רודניצקער פּושטשע, האָבן געקענט אויס־בילדן אַ פאַרטיזאַנער־בריגאַדע, לויטן מוסטער פון אַנדערע פאַרטיזאַנער־בריגאַדעס. אַזוי איז אויך געווען אַ געוויסע צייט דער שטאַנדפּונקט פון די יידן און פון אבא קאָוונער, וואָס איז אָנערקענט געוואָרן, אַלס זייער פאַר־שטייער ביי דער הויפּט־קאָמאַנדע אין רודניצקער פּושטשע. אָבער דער הויפּט פונעם שטאָב פון דער דאָרטיקער ליטווישער דיוויזיע, דער ייד יורגיס־זימאַן, האָט — טראָץ דער פאָדערונג פון דער פ.פ.א. און איר געראַנגל פאַר אויפהאַלטן דעם כאַראַקטער און גאַנצקייט פון קעמפנדן יידישן כוח — נישט באַשטעטיקט דעם קיום פון אַ גאַנצער יידישער איינ־הייט, און פאַראָרדנט אָרגאַניזירן באַזונדערע 4 אָטריאַדן:

„דער נקמה־נעמער" („הנוקם"), בראש מיט אבא קאָוונער, „צום זיג", בראש מיט שמואל קאַפּלינסקי, „טויט דעם פאַשיזם", בראש מיט יעקב פּרענער און „קאַמף", בראש מיט א. רעסעל.

קיין איינער פון אָט די קאָמאַנדירן איז ניט געווען קיין קאָמוניסט, — באַמערקט מ. בריה און גיט אויך צו — „אַן אומדערהערטע זאַך אין דער אַנטוויקלונג פון דער אָרגאַניזירטער סאָוועטישער פאַרטיזאַנער־באַ־וועגונג".[48]א

טראָץ דעם פאַרטיילונג אויף 4 באַזונדערע אָטריאַדן, האָבן די יידישע פאַרטיזאַנער איינגעשטעלט צווישן זיך אַ שותפות ביים דורכפירן אַקציעס, און דער שטאָב פון „נקמה־נעמער" איז געווען זייער אינסטרואירנדער צענטער.

יידישע פּאַרטיזאַנער פון סווענציאַן אין די נאַראָטשער און קאָזיאַנער וועלדער

די צוגרייטונגען צו אַ באַוואָפנטן ווידערשטאַנד אין סווענציאַן, האָבן זיך אָנגעהויבן נאָך דער שחיטה פון די יידן אויפן פּאָליגאָן אין הערבסט 1942. די יוגנט האָט געברענט מיט נקמה קעגן די מערדער — דערציילט משה שוטאַן.[49]) ווען מען איז דערגאַנגען אַז אין „אַכראַנקע"־אַרבעטספּלאַץ געפינט זיך געווער, האָבן יוגנטלעכע זיך בסדר אָנגעשלאָסן אַרבעטן דאָרטן און אַריינגעטראָגן אין געטאָ: ביקסן, האַנט־גראַנאַטן און קוילן, וואָס מען האָט באַהאַלטן אין פאַרשטעקטע־פּלעצער. אין דער לייטונג פון דער גרופּע, צו וועלכע עס זיינען צוגעשטאַנען נאָך יוגנטלעכע, האָבן געהערט: בערקע יאַכיי, פּייוקע חיט און מ. שוטאַן.

ביים פאַרזיצער פון יודנראַט, משה גאָרדאָן, האָט מען אונטער דראָאונג מיט טויט, אַרויסבאַקומען אַ סומע געלט פאַר קויפן געווער, וואָס חיים גאַרבער פלעגט איינקויפן ביי טאַטערן.

די דעפּאַרטאַציע פון סווענציאַנער געטאָ, וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן דורך דער יידישער פּאָליציי פון ווילנע, האָט ביט פאַרקלענערט דעם באַגרינדעטן אומצוטרוי צו די הענקער און זייערע שמשים. פון אַ יידישן פּאָליציאַנט איז מען דערגאַנגען וועגן דער פ.פ.א. און געשיקט אַהין גערטמאַנען און רודניצקין, וואָס האָבן אין ווילנע אָרגאַניזירט אַ גרופּע פאַרן וואַלד.

דעם 4טן אַפּריל 1943, צוגלייך מיט די לעצטע טראַנספּאָרטן קיין ווילנע צו דער „קאָוונער אַקציע", האָבן סווענציאַן פאַרלאָזן, אויפן וועג אין וואַלד, דאָרף און מאַלינעס, אַ גרופּע פון 52 יוגנטלעכע.

די אַוועקגעגאַנגענע קאַמפּס־גרופּע האָט דערוויילט, דורך דער הילף פון אַ פּאַרטיזאַנער, זיך פאַרבונדן מיטן קאָמאַנדיר פון „טשאַפּאַיעוו"־אָטריאַד פון מאַרקאָוס בריגאַדע, סידיאַקין. ער האָט אָבער אָנגענומען נאָר יענע, וואָס האָבן געהאַט גוט געווער. אַ טייל איז דעריבער אַוועק צוריק קיין סווענציאַן פאַר ניי געווער, און דער אַנדער טייל, בראש מיט גערטמאַנען איז אַוועק קיין נאַראָטש צו מאַרקאָוון, וואָס האָט אַלס סווענציאַנער, פריינטלעך אויפגענומען זיינע לאַנדסלייט און האָט פון זיי אָרגאַניזירט אַ גרופּע פאַר אַרויספירן יידן פון ווילנער געטאָ אין וואַלד, בראש מיט ש. גערטמאַן.

ש. קאַטשערגינסקי אין זיין בוך „פּאַרטיזאַנער גייען" גיט אָפּ פיל פּלאַץ די סוועציאַנער. ער דערציילט בפרט וועגן זייער הילף ביים אַרויספירן שרייבער, זשורנאַליסטן, דאָקטוירים פון ווילנע, וואָס זיינען געווען טעטיק ביים שטאָב אין די נאַראָטשער וועלדער.

די יידישע פּאַרטיזאַנער פון סווענציאַן זיינען געווען בעיקר טעטיק אַרום זייער שטאָט, און האָבן פיל מאָל איבערגעריסן די טעלעפאָן־פאַר־בינדונגען און די באַן־ליניעס פון ווילנע קיין דווינסק און פון ווילנע קיין פּאָלאָצק. זיי האָבן אויפגעריסן די פּאָליציי־סטאַנציע און עלעקטראוניע אין סוועציאַן, און אויך אַראָפּגעלאָזן טראַנספּאָרטן מיט אַמוניציע און מיליטער, וואָס זיינען געגאַנגען מיט דער באַן. באַזונדערס האָבן זיך דערביי אויסגע־צייכנט: י. בער, י. רודניצקי, מ. בושקאַניעץ, ש. בושקאַניעץ, פייגל פלעקסער.

וועגן די סוועניאַנער פּאַרטיזאַנער אין די קאָזיאַנער און נאַראַטשער וועלדער דערציילט אויך דער פּאַרטיזאַנער טוביה בראַמבערג, וואָס לעבט יעצט אין יגור.[50] בראַמבערג, אַליין האָט זיך געפונען צווישן יענע יידן, וואָס האָבן געדאַרפט פאָרן קיין ווילנע אין פרילינג 1943, אויף דער כלומרשטער רייזע קיין קאָוונע. איידער ער איז אָבער אָפּגעפאָרן פון סוועציאַן, איז אַ טייל יוגנט אַוועק פון דאָרטן אין וואַלד און זיך פאַרבונדן מיט פּאַרטי־זאַנער. ווען אייניקע זיינען צוריקגעקומען אין שטעטל, כדי צו אַריבער־פירן נאָך מענטשן אין וואַלד, האָט די יידישע פּאָליציי פאַרהאַלטן 3 שליחים און זיי פאַרשפּאַרט אין תפיסה. ערשט נאָך דראָונגען דעם פּאָליציי־קאָמענ־דאַנט, אַפילו מיט טויט, האָט ער זיי באַפרייט. אויף מאָרגן זיינען אַנטלאָפן פון געטאָ 16 מאַן מיט 6 רעוואָלווערן. נאָכן גיין 4־5 טעג, זיינען זיי אָנגעקומען קיין נאַראַטש. די פּאַרטיזאַנער האָבן זיי אָבער ניט געוואָלט אָננעמען, סיידן זיי וועלן ברענגען נאָך געווער. זיי זיינען אַוועק קיין קאָזיאַן, כדי אָנשליסן זיך אָן די ליטווישע פּאַרטיזאַנער. בראַמבערג האָט געקענט ליטוויש. מ׳האָט זיי טאַקע דאָרטן אָנגענומען: זיי האָבן זיך באַטייליקט אין איבעררייסן די טע־לעפאָן־פאַרבינדונג און אין אַראָפּלאָזן צוגן פון די רעלסן.

אין די קאָזיאַנער וועלדער האָבן די סווענציאַנער זיך געטראָפן מיט די אויבן־דערמאָנטע יידישע לאַגערן, וואָס זיינען באַשטאַנען פון אַנטלאָפענע פון שטעטלעך. אין הערבסט 1943, ווען די דייטשן האָבן אָנגעהויבן זייער שוין דערמאָנטע „אַבלאַווע", האָבן יידן, וואָס האָבן געוואוינט אין אַ גרויסן־זומפּן־געגנט, זיך געראַטעוועט, ווייל די דייטשן האָבן ניט געוואָגט אַהין אַריינגיין.

באַוואָפנטע יידישע גרופּע דעראָבערט דאָס שטעטל ווידז

ישראל איבילטשיק, דערציילט, אַז די יידן פון די שטעטלעך קאָזיאַן, יאַדי, מיאָרי און זאַמאָשע, האָבן זיך אָרגאַניזירט, אַלס זעלבסטשטענדיקע באַ־וואָפנטע גרופּע, בראש מיט לייב וואַליאַק פון סטאָיאַצישאָק. דעם 2טן מאַי 1943 זיינען אין די קאָזיאַנער וועלדער אַראָפּגעקומען רוסישע גרופּן, וואָס האָבן פונדאָסניי אָרגאַניזירט דעם אָטריאַד „ספּאַרטאַק". די אַראָפּגעלאָזענע

שפּעטער פּאַראַשוטיסטן פון דער ליטווישער דיוויזיע, האָבן געבראַכט מיליטערישע אויסשטאַטונג און גענומען אָרגאַניזירן די באַפעלקערונג צום קאַמף קעגן שונא. איכילטשיק איז געווען אַ וועגווייזער, היות ער האָט גוט געקענט די געגנט. דער יידישער פּאַראַשוטיסט גוטערמאַן, וואָס איז געכאַפּט געוואָרן, איז שרעקלעך פּאַרפּייניקט געוואָרן דורך די דייטשן. לייב וואליאַק, וואָס האָט אומגעבראַכט פיל דייטשן, איז אומגעקומען אין די זומער־קאַמפן פון יאָר 1943. אין אויגוסט 1943 זיינען אין די קאָזיאַנער וועלדער געקומען, געפירט דורך סווענציאַנער, קעמפער און יוגנט פון ווילנע.

איכילטשיק אַליין האָט זיך באַטייליקט אין די אָנפאַלן אויפן דייטשן גאַרניזאָן אין קאָזיאַן און דאָרף וואַצעוויטש, וואו „מיר האָבן אומגעבראַכט אַ גרויס טייל מיליטער און פּאַרברענט זייערע בנינים”.

אַ טייל סווענציאַנער זיינען אַריין אין ליטווישן אָטריאַד „ווילניוס” מ. י. בושקאַניעץ דערציילט אַז אין דאָרטיקן אָטריאַד זיינען געווען 100 מאַן, געוועזענע סאָלדאַטן, ליטווינער, רוסן, און יידן. די וויכטיקסטע זייער אַקציע, דעם אָנפאַל אויף דער סווענציאַנער עלעקטרישער סטאַנציע, האָט אויסגעפירט אַ גרופּע סווענציאַנער יידן,—דערונטער אויך בושקאַניעץ, בראש מיטן פּאַרטיזאַן אובאַנאַוויטש. אַ צווייטע אַקציע האָבן סווענציאַנער דורכגעפירט קעגן דאָרף פּאַדיאַסניקי און דעם דאָרף גירדאַן, ביי הייחוצישאָק.

אין זומער פון יאָר 1944, ווען דער פראָנט האָט זיך גענומען דערנענטערן צו די וועלדער, האָבן די יידן דעראָבערט די שטעטל ווידז און זיך געהאַלטן דאָרטן ביזן אָנקומען פון סאָוועטישן מיליטער. בראָמבערג איז דאַן אָנגענומען געוואָרן אין דער אַרמיי, אַלס סאָלדאַט. די „רוסן האָבן אין אונדז געזען געניטע זעלנער, דערפאַרענע אין קאַמף און געשיקט אונז צום פראָנט. מיר האָבן זיך באַטייליקט אין דרייסטע שלאַכטן”. אין איינער פון זיי איז בראָמבערג געוואָרן שווער פאַרוואונדעט און אָפּגעלעגן אין שפּיטאָלן. 4 חדשים שפּעטער האָט ער זיך באַטייליקט אין קריג אין מזרח־פּרייסן.

הערות

1) וועגן די דעלעגאַטן פון ווילנע, האָט שפּעטער דערציילט ר. אויערבאַך:

„אין ווינטער פון יאָר 1941 איז אָנגעקומען פון ווילנע אַ דעלעגאַציע פון 5 פּערזאָן, צו איין חבר פון יעדער (ציוניסטישער) יוגנט־אָרגאַניזאַציע, און האָט געפאָדערט הילף פאַר די איבערגעבליבענע ווילנער יידן. פון „הנוער הציוני" האָט זיך באַטייליקט אין דער דעלעגאַציע שלמה ענטין. ער האָט אויסגעזען, ווי אַ מת און האָט דערציילט וועגן דעם דערשיטערנדן גורל פון די ווילנער יידן, וועגן דעם מאָרד פון 80 טויזנט יידן, וועגן די אכזריותן פון די דייטשן און ליטווינער א. אַ. וו.

עס איז גערופן געוואָרן אַ זיצונג פון דער קאָאָרדינאַציע, מיטן אָנטייל פון ד״ר רינגעל־בלום, ד״ר שיפּער, גיטערמאַן א. אַנד. נאָכן אויסהערן דעם באַריכט פון דער ווילנער דעלעגאַציע, איז באַשלאָסן געוואָרן אַריבערצופירן אַהין אַ מיליאָן זלאָטי. דאָס געלט האָט געדאַרפט אַריבערפירן אונדזער חברה גאָלדע... אָבער דערווייל איז זי געוואָרן אַרעסטירט. שלמה ענטין האָט דאַן גענומען אויף זיך די אויפגאַבע, אָבער אויך ער איז אַרעסטירט געוואָרן נאָך אַ קורצער צייט (אין מאַלקיניע); מ׳האָט אים אַריבערגעפירט אין דער וואַר־שעווער „פּאַוויאַק"־תפיסה, פון וואַנען ער איז אַרויסגעפירט געוואָרן צום טויט אויפן אקאָפּאָווער בית־עולם." („אנציקלופדיה של גלויות", ורשה, תל־אביב, ב׳ 2, זז׳ 635־640).

פון דער אַנדער זייט האָט די ציוניסטישע יוגנט אין וואַרשע געזוכט אַ קאָנטאַקט מיט ווילנע, און אין דעצעמבער 1941 איז קיין ווילנע געקומען פון וואַרשע די שליחה פון „השומר הצעיר", טאָסיע אַלטמאַן. ר. קאָרטשאַק דערציילט אין אירע זכרונות, אַז טאָסיע האָט „געעפנט פאַר אונז אַ נייע וועלט פון אומבאַשרייבלעכן טעראָר, הונגער און נויט, אָבער אויך ניט־געבראָכענער מאָראַל". טאָסיע איז לאַנג ניט פאַרבליבן אין ווילנע, ווייל זי האָט געדאַרפט באַזוכן נאָך געטאָס, וואו מען האָט געוואַרט אויף איר.

אין זיין לעצטן בריוו דאַטירט סוף יולי 1943, (פאַרעפנטליכט געוואָרן אין יידיש, אין „ייוואָ־בלעטער", יאָר 1940, באַנד 27, נומ׳ 5), שילדערט מרדכי טענענבוים די פאַרבינדונגס־טעטיקייט פון טעמע שניידערמאַן, זיין בחורה, וואָס האָט באַוויזן אַרום 20 מאָל צו באַזוכן דעם ביאַליסטאָקער באַצירק. אונטער די סאָוועטן איז זי געווען די פאַרבינדלערין צווישן „חירות" אין ליטע און „דרור" אין אוקראַינע און געהאָלפן אַרויספאָרן די חלוצים און סתם יידן קיין שאַנכיי, און קוראַסאַאָ. „זי האָט געקענט יעדן געטאָ אין פּוילן, יעדן יידנראַט. זי איז געווען די אמתע צענטראַלע פון דזשאָינט, ציוניסטן. „אַ לעבעדיקע ענציקלאָפּעדיע פון אומגליק און מאַרטיראָלאָגיע פון פּוילישן יידנטום". זי איז צוריקגעקומען דעם 19טן יאַנואַר 1943, בעת דעם ערשטן ווידערשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ און איז אומגעקומען, ווען די דייטשן האָבן אויפגעריסן דעם חלוצים־בלאָק אויף זאַמענהאָף 23.

טענענבוים האָט אין אַ פריערדיקן בריוו, צו זיין שוועסטער, סוף פעברואַר 1943, אָנ־געוויזן, אַז „די דייטשע פּאָליטיק בנוגע יידן דאַרף מען צעטיילן אויף 2 פּעריאָדן: פאַר און נאָכן 22טן יוני 1941 דער ערשטער פּעריאָד כלומרשט אַ הויז־אַרעסט, נסיעות לויט אַן אַרויספאָר־דערלויבעניש, טיפוס, הונגער, רעלאַטיווע „פרייהייט"; דער צווייטער — טויט פאַר ניט טראָגן די „געלע" לאַטע, טויט פאַר פאַרלאָזן דאָס געטאָ; וועגן שפּייז — אפילו ניט טרוימען — הונגער־טויט — טרעבלינקע".

2) אַנטאָן שמיד, אַ דייטש פון טשעכישער אָפּשטאַמונג, איז פאַר זיין הילף צו יידן, הינגעריכטעט געוואָרן דורך די דייטשן אין ווילנע, דעם 19טן אַפּריל 1942. אין זומער פון יאָר 1965, האָט ד״ר מאַרק דוואָזשעצקי זיך באַגעגנט אין ווין מיט דער משפחה פון אַנטאָן שמיד, וועמען ער האָט דערציילט וועגן זיין העלדישער טעטיקייט ביים ראַטעווען יידן פון ווילנער געטאָ.



1 דונילאָוויטש
2 מיאָדל
3 מיסון
4 קאָבילניק
5 סוויר
6 פילקוישטשינע
7 אוזלע
8 סלאָבאָדע
9 קורעניץ
10 ווילייקע
11 סטאַכאָווצער בוטאַר
12 ניעווערער בלאָטעס
13 גרויס-סאָלעטשניק
14 קליין-סאָלעטשניק
15 אײשישאָק
16 נאַטשער פּושטשע
17 אַלקעניק
18 רודזישאָק
19 טראָק
20 רודניק
21 בעלאָוואַקע
22 פּאַפּישאָק
23 סאָראָק טאַטאַר
24 סאָלקעניק (סאָלקי?)
25 נאַליבאָצקער פּושטשע

מאַפּע, אַרויסגענומען פון „נוסח ווילנע"־בולעטין, נומ' 5, דעצ' 1959

N. KANTOROWICZ

RESISTANCE AND UPRISING IN VILNO AND SURROUNDINGS

(1941–1944)

הויפּט־פֿאַרקויף:

"CYCO" — „ציקאָ"

25 East 78th Street, New York, N. Y. 10021

און ביים מחבר:

NACHUM KANTOROWICZ

240 West 102nd Street, New York, N. Y. 10025, Apt. 42

איבערדרוק פונעם בוך פון נ. קאַנטאָראָוויטש

„די יידישע ווידערשטאַנד־באַוועגונג אין פּוילן (1941—1945)"

Printed by: KNIGHT PRINTING CORP.

382 Lafayette Street, New York, N. Y. 10003

96